ב"ה

# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה' · נומער 190 · יו"ט סוכות · תשפ"ד

**געדאנקען:**
געהיימע ברסלב'ע אינפארמאציע

**פאר די ברסלב'ע טאכטער:**
סוכות מיט'ן רבינ'ס עצות

**פאר די ברסלב'ע שטוב:**
ביסט נארמאל? גייסט אריין אין מדבר?

## נייעס, ארטיקלען און בילדער פון אומאן ראש השנה תשפ"ד









## אינטערוויו

ערשטהאנטיגע שמועס מיט פיר פון די ערשטע תלמידים אין תלמוד תורה היכל הקודש ארה"ב



## קרית ברסלב וואונטשט אלע חשובע ליינער א פרייליכן יום טוב סוכות

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:
מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער. ח. ש.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר אידישע שטוב: 212.444.9169

## זמנים Liberty
סוכות ט"ו תשרי תשפ"ג

הדלקת הנרות ערשטע טעג.. 07:24
מוצאי יו"ט ............ 07:53

הדלקת הנרות צווייטע טעג.. 06:14
מוצאי יו"ט ............ 07:41

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 29 | 64°/46° | | Partly Cloudy |
| Sat 30 | 66°/46° | | Sunny |
| Sun 01 | 67°/48° | | Mostly Sunny |
| Mon 02 | 69°/49° | | Mostly Sunny |
| Tue 03 | 71°/49° | | Mostly Sunny |
| Wed 04 | 70°/49° | | Partly Cloudy |
| Thu 05 | 68°/49° | | AM Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג
די וועטער וואס גייט זיין
שיחות הר"ן רכ"א



וועלטליכע נייעס
רוסלאנד'ס לונא-25 לבנה מיסיע דורכגעפאלן
3


היכל הקודש נייעס
אומן ראש השנה תשפ"ד
6


נאטיצן און קרישקלעך
פונעם פאנדרעיזינג אפיס אינערהאלב כולל היכל הקודש
16



פון מניעות צו נעימות
אינגעליין פארציילן פון זייערע מניעות אנצוקומען צום רבי'ן
20


אינטערוויו
שמועס מיט פיר פון די ערשטע תלמידים פון תלמוד תורה
36


ברסלב'ער שטוב
ביסט נארמאל? גייסט אריין אין מדבר?
45


# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה ליפא גאטליב הי"ו**
**וזוגתו גיטל תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

# ברוכים הבאים!

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן

**מו"ה שמואל גליקמאן הי"ו**
**וזוגתו רויזא תחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אין שטעטל און קענען אויפציען די קינדער אויף דעם רבינ'ס וועג

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## רוסלאנד'ס לונא-25 לבנה מיסיע דורכגעפאלן

אין נייעס פון די הויכע רוימען קומט אריין א באריכט אז דער רוסישער ספעיס שיף מיטן נאמען לונא-25 וואס איז ארויסגעשיקט געווארן אנהויב חודש אויגוסט למספרם האט אריינגעקראכט אין די לבנה אויבערפלאך און איז גענצליך חרוב געווארן. דער באריכט איז באשטעטיגט געווארן דורך מר. ראס קאסמאס, דער פירער פון די רוסישע ספעיס אגענטור.

די מיסיע איז די ערשטע רוסישע מיסיע צו די לבנה זינט 1976 למספרם ווען רוסלאנד איז נאך געווען א טייל פונעם סאוויעטן פארבאנד. רוסלאנד'ס ספעיס אגענטור האט אריינגעלייגט אומגעהויערע כחות אין דעם לונא 25 מיסיע, עס איז אריינגעגאנגען דערין איבער צוואנציג יאר ארבעט, און האט אריינגעציגן אין איבער צוועלף א האלב ביליאן רובל, דער מיסיע האט געפלאנט צו געדויערן איבער א יאר צייט, דער ציל פון די מיסיע איז געווען צו דורכפירן פילע וויסנשאפטליכע עקספערימענטן אויף די לבנה און העלפן מאכן פילע טעכנאלאגישע פארשריט. אזוי אויך האט עס געזאלט אויספלאסטערן א וועג פאר א נייע ספעיס לאנדונג טעכנאלאגיע אויף צוקונפטיגע רוסישע לבנה מיסיעס.

דער דורכפאל האט איבערגעלאזט א גרויסע פראגע איבער די רוסישע ספעיס מעגליכקייטן, און צי זיי זענען בכלל ביכולת אנצוקומען צו זייערע ווייטע און גרויסע אמביציעס.

בשייכות מיט דעם באריכט קומט אריין א גאר מערקווירדיגן עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט מיט איבער זעכציג יאר צוריק, ווען עס איז פארגעקומען א הייסע ספעיס קריג צווישן די מערב וועלט לענדער און די סאוויעטן, ווען יעדער האט פרובירט איבערצושטייגן דעם אנדערן מיט פרישע ספעיס דערגרייכונגען, צווישן זיי האבן סיי אמעריקע און סיי רוסלאנד געוואלט אנקומען צו די לבנה, אין יענע טעג האט זיך דער לעלובער רבי הרה"ק ר' משה מרדכי זי"ע געפונען אין עיה"ק מירון, איין טאג איז ער געשטאנען דארט פארטראכט און ארויפגעקוקט צום הימל, און נאך טעליכע מינוט האט ער זיך אנגערופן: "די רוסן ווילן דערגרייכן די לבנה, אבער עס וועט זיי נישט געלונגען, זיי וועלן דורכפאלן, פאר די אמעריקאנער וועט עס געלונגען, דאס איז צוליב וואס די אמעריקאנער האבן אמונה, אבער די רוסן זענען געמיינע כופרים".

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז די סיבה פארוואס די וועלט האט אזא רעספעקט פארן אמעריקאנעם דאלאר איז צוליב וואס עס שטייט אויפגעשריבן אויף יעדע אמעריקאנער מטבע און באנקנאט "אין גאד ווי טראסט", "מיר גלייבן אין אויבערשטן". און פאר אמונה האבן אלע דרך ארץ. מוהרא"ש פלעגט דערפאר אלץ עצה'נען אז ווען מען האט צו טון מיט מענטשן זאל מען כסדר דערמאנען דעם אויבערשטן, אפילו ווען מען דארף האנדלען מיט גוים, ווען מען דארף גיין עפעס ערלעדיגן ביי א שטאטישע אפיס, אדער מען זיצט אין א גוי'אישע טעקסי, זאל מען אים זאגן עפעס וואס דערמאנט דעם אויבערשטן, צוםביישפיל אז ער האט דיר עפעס א טובה געטון, זאג אים "גאד בלעס יו", "דער אויבערשטער זאל דיר בענטשן", אדער אויב ער באקלאגט זיך אויף עפעס וואס גייט אים שווער, זאג אים "איי וויל פרעי פאר יו טו גאד", "איך וועל דאווענען פאר דיר ביים אויבערשטן", און דו וועסט זען וואונדער ווי אלע טויערן וועלן זיך דיר עפענען.

**וראו כל עמי הארץ כי שם ה' נקרא עליך ויראו ממך**



# צום פינטל

## אין פרצוף אריין

זיי זענען אנטלאפן... אוי געוואלד ווער? פארוואס? די קאפ האט מיר כמעט געקראכט, הערנדיג די שלעכטע נייעס.

געווען איז דאס אין מיין שנה ראשונה יאר ווען איך מיט מיין ווייב האבן פארווײלט קרוב צו א יאר אין קליוולאנד, דער ביקור חולים האט אונז צוגעשטעלט און איינגערישט א שיינע באקוועמע דירה, מיט אלע צוגעהערן, מיר האבן זיך וואלאנטירט ארויסצוהעלפן אין די דערנעבענדיגע שפיטאל ווי עס האבן ליידער געווײלט פולע אידן, אונזער ארבעט איז געווען זיך אומצוקוקן אויף די פאציענטן זיכער מאכן אז זיי באקומען אלעס וואס זיי דארפן. מיט די צייט זענען מיר שוין געווען ווי בני בית דארט, מיר האבן געוויסט זייערע געברויכן און מיר האבן זיי כסדר מחזק געווען און ארויסגעהאלפן מיט אלעס וואס פעלט זיך אויס. אלע מיני פאציענטן זענען דארט געווען, געווען זענען אזעלכע וואס זענען געווען דארט נאר פאר א קורצע צייט, וואס מיר האבן זיך אפגעגעבן מיט א געטריישאפט, אבער בעיקר האבן מיר זיך אריינגעלייגט צו ארבעטן מיט די פאציענטן וואס האבן געווײלט דארט פאר א לענגערע צייט, און עס האט זיך מער אויסגעפעלט מען זאל זיך אריינלייגן אין זייער מצב.

יענעם סוכות, בין איך אויפגעשטאנען איך בין געגאנגען דאווענען, עס איז געווען גראדע א ווארימע שיינע זוניגע טאג, איך האב מיר ארויסגענומען די גמרא מיט א גלאז קאווע, יעדע שטיק צייט צוגעביסן נאך א שטיקל קאצקע, און ממש הנאה געהאט פונעם דעם יום טוב'דיגען שטימונג. די טאג האט זיך אנגעהויבן זייער שיין, אבער נישט צו לאנג האט עס אנגעהאלטן, ווען פלוצלינג האט די וועטער זיך געגעבן א דראסטישע טויש, עס האט אנגעהויבן בלאזן א שטארקע ווינט, און דערנאך איז געקומען א גאס רעגן. איך האב שנעל פארמאכט די שלאק, אזוי טראכטענדיג צו מיר אויב איך זאל בלייבן אין די סוכה, אדער זאל איך אריינגיין אין דיינונג רום פארזעצן דאס לערנען. די וועטער האט מיר אריינגעברענגט אין אזא פארכמורעטע גיסטע, איך בין געווען זיכער אז היינט וועט זיין א רואיגע טאג, גראדע האב איך פונקט דאן געהאלטן ביי די גמרא אין מסכת סוכה אז אויב עס רעגנט סוכות איז דאס ווי א קנעכט ברענגט א גלאז וואסער פאר זיין האר און דער האר גיסט אים עס צוריק אין פנים אריין, דאס מיינט אז דער אייבערשטער איז נישט צופרידן פון אונז. בקיצור עס איז געווארן פון א פרייליכע חול המועד'יגע שטימונג צו אזא שטיקל אנגעצויגענקייט, אבער נישט דאס איז געווען וואס האט צושטערט מיין יום טוב.

צושטערט מיין יום טוב האט גאר די טעלעפאן רוף וואס איך האב דאן באקומען פון ביקור חולים מיט שלעכטע נייעס איבער צוויי פאציענטן, וואס מיר האבן גוט געקענט. די צוויי פאציענטן זענען געווען בערך די זעלבע יארגאנג, ווי אויך האבן זיי געהאט גאר א ענדליכע מחלה, וואס פארלאנגט זיך לענגערע טריטמענט'ס, לכבוד דעם זענען זיי געווען אין די זעלבע שטוב איינער נעבן צווייטן.



נאך גאר א שטארקער צופאל אין וואס די צוויי האבן זייער געענדלט איז געווען אז זיי זענען ביידע געווען שווערע פאציענטן, פונעם ערשטן טאג וואס מיר זענען אריין אין שפיטאל האבן איך זייער שטארק געברויכט ארבעטן אויף מיינע מידות זיי צו קענען באדינען... אבער דאס האט נישט אפגעהאלטן פון זיי געבן די בעסטע קער וואס עס האט זיך אויסגעפעלט. די דאקטורים האבן שוין געוויסט אז ווען זיי האבן שוועריקייטן מיט איינע פון די פאציענטן האבן זיי זיך פארבינדן מיט מיר אדער מיט מיין ווייב, מיר האבן געהאט גאר א גוטע שפראך ווי אזוי זיי צו בארואיגן און מאכן פאלגן וואס דער דאקטער האט געהייסן. נישט אלעמאל איז עס אנגעקומען גרינג, פול מאל האבן זיי אויסגעשפילט דעם דאקטער מיט נישט נעמען די מעדעצינען, פארלעשן די מאשינען וואס טוט אפדעיטן זייער מצב. אין די צייטן זענען מיר געווען זייער בייהילפיג ווען מיר האבן שיינערהייט געבעטן און אונטערגעקויפט די פאציענט אז ער זאל  נישט זיין קיין אויבער חכם.

די טעג ארום ראש השנה זענען געווען גאר אנגעצויגענע, מיר האבן כסדר באקומען רופן פון די דאקטורים אז זיי האלטן מער נישט אויס פון די שפיצלעך וואס די שפיטאל מאכט מיט פון די צוויי, עס ווערט ערגער פון טאג צו טאג. מיר האבן פראבירט צו זיין מער אנוועזנד די צוויי וואכן, צו האלטן מער א ווארימע און רואיגע שטימונג דארט אין שפיטאל, אבער דאס האט פאסירט מוצאי ערשטע טעג יום טוב, איך בין כסדר געווען אריין



און ארויס פון שפיטאל אבער ביים זמן האב איך באקומען א טעלעפאן קאל פון די הויפט דאקטער אז דאס וואס עס איז היינט געווען איז ממש אומדערהערט און איך זאל שוין אריבערקומען.

איך האב שנעל געמאכט הבדלה און אריבערגעלאפן, אבער פון אינדרויסן האב איך שוין געהערט אז דאס איז עס... די קולות וואס איך האב ארויסגעהערט פון יענעם שטאק איז געווען עפעס וואס איך האב נאך נישט געהערט. איך האב דערקענט די שטומע פונעם הויפט דאקטער, ער איז געווען גערעכט, איך האב אויך געוויסט די שווערע ארבעט וואס ער לייגט אריין אין זיי כדי זיכער צו מאכן אז זיי ווערן געהיילט. איך בין אנגעקומען נאנט צו די שטוב, האב איך געהערט קולי קולות, ער האט געשריגן מיט אזא רחמנות, ער האט זיך געבעטן: איינער איז דא ווייל מען וויל ענק עפעס שלעכטס טון? עס איז דא א גאנצע שטאב וואס נעמען קער אז איר זאלט ווערן געזונט! ער האט געקוויטשעט מיט די העכסטע טאן, די ווערטער האב איך נאך אספיעט צו הערן: אויב די געימס דא גייען זיך נישט אויפהערן וועלן מיר אייך ארויסווארפן ווי הונט פון דעם שפיטאל... דער דאקטער האט צוגעהאקט די טיר. יענע רגע האב איך אריינשפאצירט... איך האב שווער געאטעמט... סיי פון לויפן און סיי פון פארלוירענקייט... יעדער איז געווען רויט, די דאקטער פון שרייען, איך פון בושה צו דארפן דא יעצט פאראהאנדלן צווישן די צוויי. איך האב געעפענט א שפאלט אין טיר איך האב מיך איבערגעבליקט מיט די אויגן פון די פאציענטן, דער אמת... איך האב מיך געפריידט אז ענדליך האט מען זיי געשטעלט אין פלאץ, מער פון אריינקוקן מיט א ווארימע שמייכל האב איך נישט געקענט, איך האב פארלאזט דאס פלאץ מיט א געמישטע געפיל.

און דאס האט פאסירט דעם קומענדיגן טאג... אויף אלעס האב איך מיך גערִישט אבער נישט אויף דאס... די נאכט איז אריבער, און... דאן אזוי אינמיטן שפעקעלירן צו איך גיי צוריק אין סוכה אדער איך זאל אריינגיין אין שטוב צוליב די רעגן, איז אריינגעקומען די טעלעפאן רוף פון שפיטאל, מיט א ליארעם: "זיי זענען אנטלאפן פון שפיטאל". מיין קאפ האט נאך געבאמבערט פון די נייעס... אבער מיט א קורצע צייט שפעטער איז געקומען א מער מילדערע טעלעפאן רוף, איך האב אביסל אפגעאטעמט, ברוך השם, נאר איינער פון זיי איז פארשווינדן דער אנדערע איז געבליבן.

עס איז אריבער א טאג, איך בין געווען זיכער אז דאס איז נאר א שפיל, איך האב געווארט אויף עפעס א רמז, אבער גארנישט! איך בין כסדר געגאנגען קוקן צו עס איז דא עפעס נייעס, אבער גארנישט... איך האב אריינגערופן דעם ביקור חולים, זיי האבן גוזאגט אז עס איז נישט דא וואס צו טון, זיי האבן פראבירט מיט אלע וועגן צו קאנטעקטן דעם פאציענט, אבער יענער איז פאר'עקש'נט ער קומט בשום אופן נישט צוריק זיך היילן דא זאל זיין וואס זאל זיין.

די צווייטע טאג חול המועד זענען מיר געזיצן אין א מיטינג איך מיין ווייב מיט די שטאב פון דאקטורים, איך האב געזען אויף דעם הויפט דאקטער אז ער איז זייער צושטורעמט, איך האב מיך געווערטלט מיט אים... וואס איז... דו ווערסט יעצט האבן גרינגערע ארבעט... אפשר ביסטו ביי'ז פארוואס דער צווייטער איז יא געבליבן.... ניטאמאל האט ער געשמייכעלט פון מיין אומגעלונגענע וויץ... עס האט אים אזוי ווייט געטון וויפיל כוחות ער האט אריינגעלייגט אין דעם פאציענט, ביז מען האט שוין ענדליך געהאט א וועג מיט אים ווי אזוי אים צו היילן, און וויפיל פארשריט מען האט געזען ממש טאג נאך טאג, פארן דאקטער איז עס טאקע גרינגער געווארן זיך נישט צו דארפן ספראווען מיט די שווערע נאטורן פונעם פאציענט, אבער עס האט אים זייער ווייט געטון אז דער פאציענט גייט צוריקפאלן, און ווער ווייסט צו מען וועט אים בכלל נאך קענען היילן פון דעם שטרעבליכן מחלה רח"ל.

איך האב געוויסט עס איז טאקע זייער שווער, אבער מען מוז אנגיין ווייטער. די צווייטן טאג חול המועד האב איך מיך געטראפן ווייטער מישן די בלעטער פון די גמרא, ווייטער מיטן קאווע ביי די זייט האב איך מיך אונטערגעזינגן די גמרא ניגון, אבער מיין קאפ איז נישט געווען דערביי, עפעס האט מיר מיין מח געזאגט אז די שטיקל גמרא ווי איך האלט יעצט איז א צאמשטעל מיט די גאנצע געשיכטע וואס עס האט זיך דא אפגעשפילט.

איך פראביר נאכאמאל און נאכאמאל צו קוקן אין די אותיות התורה איך איך זע שוין ווייטער די שטיקל גמרא, "געברעגט די פלעשל וואסער פארן האר און געכאפט דאס וואסער אין פרצוף". אזוי האב איך מיר אונטערגעזינגען דעם שטיקל גמרא נאכאמאל און נאכאמאל "געברעגט די פלעשל וואסער פארן האר און געכאפט דאס וואסער אין פרצוף".

איך טראכט צו מיר, וואס איז פשט? די גמרא וויל אונז פשוט אוועקנעמען די שמחות יום טוב? "זאלסט וויסן אויב ס'רעגנט ביסטו ווי דער קנעכט וואס דער האר באשפריצט אים מיט וואסער"? שוין? דאס איז עס מיט דיר? געענדיגט?

וויפיל מאל אין לעבן טרעפן מיר זיך, ווי מען באקומט א גוטן שפריץ אין פרצוף אריין, איך האלט אינמיטן רעדן צום אייבערשטן, און עס קומט מיר אריין אין מחשבה עה! ווער הערט מיך אויס? איך זע איך בעט און איך בעט און גארנישט ריקט זיך, זאכן ווערן נאר ערגער. איך נעם מיך פאר זאכן זיך צו פארבעסערן אין לעבן און פונקט דעמאלט ווערט מיר אלעס שווערער. עס ווערט מיר פארוואלקענט עס הייבט אן רעגענען. זאכן הייבן מיר אן צו קיין פארקערט.

ניין! עס קען נישט זיין אז דאס איז פשט אין די גמרא אז דאס איז א פראסק אין וואס דער קנעכט באקומט פונעם האר: "גיי! איך דארף דיך נישט!" עס מוז דאך זיין אז עפעס איז געווען בעפאר דעם שפריץ, דער שפריץ איז זיך אים געקומען, יא! איך בין נישט צופרידן פון דיר! זיי דיך ביטע מסדר! וועק דיך אויף!

איז דא צוויי פאציענטן, איין פאציענט ווערט חס ושלום ברוגז אויפן אייבערשטן, פארוואס און פארוואס און פארוואס. אבער דער צווייטער פאציענט בלייבט יא, ער ווייסט די שפריץ וואסער איז זיך מיר געקומען, איך גיי נישט אוועק פונעם אייבערשטן, איך גיי נישט אוועק ניין! אפילו אויב דו דארפסט מיך נישט באשעפער - האט מוהרא"ש געליארעמט אין אונזערע אויערן - אבער איך דארף דיך יא! באשעפער, איך גיי דיך סייווי נישט אפלאזן, קענסט רעגענען קענסט גיסן, איך ווייס אז אלעס איז א נסיון - זען צו איך וועל אפווישן מיין פנים פון די וואסער און פרעגן "יא אייבערשטער וואס קען איך פארעכטן". איך בין גרייט, דא האסטו מיינע באקן קענסט מיר אנגיסן, איך בין זייער פרייליך אז דו דערמאנסט מיך. און אז איך הער א בת קול: "יעדער קען תשובה טון חוץ איך", גיי איך נאכאלס נישט אוועק פונעם אייבערשטן! באשעפער דו מוזט מיך נישט דארפן (אזוי קוקט עס מיר אויס) אבער איך דארף דיך.

יא! פול מאל כאפט מען א גוטס און פרצוף אריין עס איז שווער צו נעמען, אבער א קלוגער פאציענט ווישט זיך אפ די נאז און לאזט זיך ווייטער היילן.



# היכל הקודש נייעס

**אומאן**

## דערהויבענע יום טוב ראש השנה תשפ"ד אדורך אויף אנשי שלומינו אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן




מה נהדר היה המראה בצאתו בשלום מן הקודש, מיר ווען אויסלאזן אלע הקדמות, און תיכף צוגיין צום קורצן באריכט פון הייליגן יום טוב אין אומאן.

צוליב די לאנגע נסיעות וואס מען האט געדארפט נעמען היי יאר אין שאטן פון די מלחמה, האט זיך דער ציבור פון צענדליגע טויזנטע אידן פון איבער די וועלט געלאזט איבער די וועגן דורך פליגערס באנען באסעס און ספרינטערס שויו פון אנפאנג וואך.

די גרעסטע חלק פון אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש זענען געקומען דורך די פלען איט רייט אגענטור, און דערפון זענען רוב געפארן מיט די מאנטאג פליייט, וועלנדיג פארן אינאיינעם וואס איז סאך מער אפגעהיטן.

אין עירפארט האבן די שטאב פון פלען איט רייט אפגעווארט דעם ציבור מיט א ברייטע נאכטמאל מיט די הכשר פון הגאון רבי יונה זינגער שליט"א דער דיין פון קרית ברסלב, מיט וואס דער עולם האט זיך מחי' געווען. עס איז געווען א נחת צו זען ווי אנשי שלומינו האבן אויסגענוצט די צייט מיטן לערנען בלעטער גמרא, פרקים משניות. די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט במשך די גאנצע נסיעה, אויפן פליגער, אין ליזענסק, אויף די באנען, באסעס, האטעלן, און אין אומאן, ווי אנשי שלומינו האבן אויסגענוצט יעדע פרייע מינוט צו לערנען די שיעורים כסדרן, נאכדעם וואס דער הייליגער רבי האט געגעבן אזא זיסע סדר דרך הלימוד וואס קלעבט צו א מענטש צו די תורה איבעראל.

אויך אויפן פליגער האט פלען איט רייט צוגעשטעלט ברייט צו עסן, בפרט האבן אנשי שלומינו הנאה געהאט פון די פראקטישע "ספרים זעקל" וואס איז געלעגן אויף יעדעמ'ס פלאץ אין פליגער, וואס וועט זייער צוניץ קומען א גאנץ יאר צו מיטנעמען אויף די וועגן אלע ספרים אין וואס מען לערנט.

מיטאג צייט איז מען אנגעקומען צום שטאט ליזענסק ווי מען איז געגאנגען אין מקוה, און דערנאך האט מען זיך אויסגעבעטן ביים ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע. עס איז געווען צוגעשטעלט די הכנסת אורחים פאר עטליכע שעה זיך צו קענען אפרוען און עסן. אויך האט מען גדאווענט מנחה און מעריב אין ליזענסק.

אויפדערנאכט איז מען ארויף אויפן באן קיין אוקראינע, און נאך עטליכע שעה פאר ווען עס האט אנגעהויבן צו טאגן - כאטש אלע זענען געווען אויסגעמוטשעט פון די לאנגע נסיעה - האבן זיך געשטעלט פילע מנינים סליחות און שחרית אין אלע וואגאנען. אינדערפרי איז מען אנגעקומען קיין ווינניצע באן סטאנציע ווי מען איז געפארן מיט באסעס ביזן עיר הגעגועים אומאן.

אין אומאן זענען אלע גלייך געלאפן אין מקוה, און געלאפן צום הייליגן ציון ווי מען האט געזאגט דעם תיקון הכללי, און זיך מתוודה געווען פארן אויבערשטן.

ביינאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א פארגעלערענט דעם דף גמרא, און נאכן שיעור האט מען גערעדט פון דעם וואס די גמרא זאגט (קידושין ל) בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין", ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אויבערשטן פאר די מתנה פון די סדר דרך הלימוד, וואס אזוי קענען מיר שטענדיג נוצן דעם "תבלין" פון די הייליגע תורה, וואס אן דעם וואלטן מיר פארברענט געווארן פונעם יצר הרע.

דאנערשטאג אינדערפרי' נאך סליחות און שחרית האט דער ראש ישיבה פארגעלערענט דעם דף גמרא. נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה שטארק ארום גערעדט וואס דאס מיינט כיבוד אב ואם. מען קען הערן דעם הערליכן שיעור

אויף קול ברסלב.

דאנערשטאג נאכמיטאג איז פארגעקומען דער הנחת אבן הפנה פאר'ן נייעם בנין הבית המדרש "דעם רבינ'ס שול".

דאנערשטאג פארנאכטס האט דער ראש ישיבה פארגעלערענט נאך א שיעור אין גמרא ווי דער ראש ישיבה האט דערנאך מחזק געווען אנשי שלומינו מען זאל זען אויסצונוצן די קורצע צייט אין אומאן מיט'ן מתפלל זיין און זיך אויסבעטן א גוט יאר.

דאנערשטאג ביי חצות הלילה האט מען געזאגט אינאיינעם סליחות זכור ברית, דער בעל תפלה איז געווען מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו, דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט "פדיון נפש" ביז פיר אזייגער פארטאגס, אויך אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א גענומען פדיון נפש נאך שחרית ביז חצות.

ערב שבת קודש ערב ראש השנה האט דער ראש ישיבה פארגעלערנט דעם שיעור גמרא נאכן דאווענען מעוטר מיט תפילין, דער ראש ישיבה האט געבעטן אלע וואס האבן סיומים זאלן ארויפקומען, עס זענען ארויפגעקומען צענדליגע אינגעלייט און בחורים וואס האס האבן מסיים געווען פילע מקצועות התורה, צווישן זיי איז געווען מו"ה יעקב משה אינדארסקי שליט"א וואס האט געמאכט זיין יערליכע סיום הש"ס, אויך איז געווען א סיום אויף 199'סטע מאל משניות, אכטע מאל שו"ע, ליקוטי מוהר"ן, פילע מסכתות הש"ס.

ביים זמן פון יום טוב האט מען געדאווענט א התעוררות'דיגע לעצטע מנחה פון יאר נאכגעפאלגט מיט די פיוט תכלה שנה וקללותיה מיט די הארציגע נוסח, דערנאך האט מען געדאווענט א געשמאקע קבלת שבת און מעריב מיטן בעל תפלה מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו.

דאן איז דער גאנצער עולם אריבער וואונטשן ביים ראש ישיבה "לשנה טובה" ווען דער ראש ישיבה האט אלעמען צוריק געווינטשן מען זאל האבן א יאר פון א שטארקע אמונה, מען זאל נישט אפלאזן דעם אויבערשטן.

דערנאך איז מען ארויף אין בית המדרש וואס פילע אנשי שלומינו האבן געהאלפן צוגרייטן דעם בית המדרש צום עסן, בפרט האט זיך אנגעזען די אינגעלייט פון ארץ הקודש וואס האבן אריינגעלייגט גרויסע כחות אנצוגרייטן און אפצורוימען די סעודות.

מען האט געזינגען די זמירות שבת קודש מיט גרויס געהויבענקייט. דער ראש ישיבה האט געמאכט קידוש און מען האט געגעסן א געשמאקע סעודה. אויך איז געווען צוגעגרייט אלע סימנים. תיכף נאך די סעודה האט מען זיך געלייגט שלאפן כדי צו קענען אויפשטיין פארטאגס פארן עלות. פינף אזייגער האט מען שוין נישט געקענט טרעפן

קיין פלאץ אין מקוה, א ריזיגער ציבור פון איבער הונדערט אינגעלייט און בחורים זענען געזעצן ביים שיעור פון ראש ישיבה א פערטל נאך פינף וואס האט פארגעלערענט א געשמאקע שיעור גמרא. נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה דערמאנט דעם עולם צו גיין צום ציון און זיך אויסבעטן א גוט יאר.

דער ערשטער טאג ראש השנה האט הרב שלמה רוטה שליט"א דער זון פונעם ראש ישיבה שליט"א געדאווענט פסוקי דזמרה, דער ראש ישיבה שליט"א האט אראפגעלייגט א ווארימע הארציגע שחרית. ביים ליינען האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן די נעמען פאר צווי מיידלעך געבוירן ביי אנשי שלומינו די וואך פון ראש השנה, מו"ה שבתי מארקוס הי"ו און מו"ה שלמה אפעלדארפער הי"ו.

נאכן דאווענען האט מען געמאכט קידוש אונטן אין עס זאל, און דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט עטליכע ווערטער איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

נאכמיטאג נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיינע שמועס איבער אמונה, די זיסע מתנה וואס דער רבי געבט אונז, וואס נאר אזוי קען מען האבן א זיס לעבן כאטש אלעס וואס מען גייט אדורך.

ביים צווייטן נאכט ראש השנה האט דער ראש ישיבה שליט"א געבעטן עטליכע אנשי שלומינו זאלן זינגען לכבוד יום טוב. און נאכן סעודה האט מען זיך תיכף געלייגט שלאפן כדי צו קענען אויפשטיין ביים עלות.

די זעלבע זאך האט זיך איבער גע'חזר'ט ביים צווייטן טאג פארטאגס ביים שיעור. פסוקי דזמרה האט געדאווענט הרב אלחנן רוטה שליט"א דער זון פונעם ראש ישיבה שליט"א.

נאכן ליינען האט דער ראש ישיבה אנגעווארימט דעם ציבור פאר תקיעת שופר, און געזאגט ווי חשוב עס איז ביים אויבערשטן יעדעווארט וואס מען זאגט צו אים. אויך האט ערזייער געבעטן מען זאל זיך מוחל זיין און נישט האבן קיין שווער הארץ איינער אויפן צווייטן.

די סעודה ביים צווייטן טאג איז געווען זייער פריילין מען האט אסאך געזינגען און דער ראש ישיבה האט מכבד געווען אסאך זאלן אראפ לייגן חזנ'ישע שטיקלעך.

נאכמיטאג איז מען געגאנגען צו תשליך. נאך מנחה האט דער ראש ישיבה גערעדט א שיינע שמועס, ווי ער האט געזאגט פאר אנשי שלומינו מען זאל מיטנעמען דעם הייליגן רבי'ן אויף א גאנץ יאר, די אמונה, תורה, שלום בית און אזוי ווייטער. נאכן שיעור האט מען געזונגען מיט גרויס שמחה "אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו".

נאך מעריב האט דער ראש ישיבה שליט"א געמאכט הבדלה, און מען האט תיכף געדארפט זיך איינפאקן און לויפן צו די באסעס. מען איז געפארן איבער צען שעה, אבער אלע זענען געווען זייער פרייליך אז מען האט זוכה געווען צו קומען צום הייליגן רבי'ן און אים פאלגן בתמימות ובפשיטות.

אנשי שלומינו זענען דאנקבאר פאר די פילע עוסקים במלכת הקודש וואס האבן געהאלפן צושטעלן אלעס וואס מען דארף אינעם בנין. צום ערשט קומט זיך א הכרת הטוב פאר די גבאים פון אומאן דער מלמד מומחה מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו און מו"ה העניך אינדיג הי"ו, אזוי אויך פאר די וואס האבן צוגעשטעלט צו עסן מו"ה משה איינהארן הי"ו, מו"ה שלמה יאקאבאוויטש הי"ו, הרב שלמה רוטה הי"ו, מו"ה לייבי אפעל הי"ו און מו"ה דוד דייטש הי"ו וואס אלע האבן וואלונטירט כדי צו העלפן אנשי שלומינו זאלן קענען האבן אלעס וואס מען דארף אינעם בנין.

אנשי שלומינו קענען זיך נישט גענוג אפווינדערן פון די געוואלדיגע ארבעט פון וואכן און חדשים וואס מו"ה אלי' קנאל הי"ו און מו"ה משולם פינטער הי"ו האבן צוגעשטעלט א הערליכע נסיעה מיט אלעם גוטן, אויסגעארבעט אלעס ביזן לעצטן דעטאל, און מיט דעם גרינגער געמאכט דעם לאנגן אויסמאטערנדע נסיעה.

דא איז אויך דאס פלאץ צו דערמאנען די עסקנים פונעם רענט קאמפיין וואס האבן צוגשעטעלט א גרויסע פלאטע פון שאטל באסעס וואס האבן געטראגן און געברענגט אנשי שלומינו פון בנין צום ציון און צירוק גענצליך בחנם, וואס איז געווען געספאנסערט דורך מו"ה אלי קנאל הי"ו און מו"ה משולם פינטער הי"ו פון פלען איט רייט.

אויך דארף ווערן ארויסגעברענגט די ארבעט פון די געטרייע מלמדים וואס דאס איז נישט מעגליך צו באצאלן. אלע וואכן טעג איז געווען צוגעשטעלט געהעריג חדר פאר די קינדער אויפן גאנצן טאג, מען האט געדאווענט מיט די מלמדים, געגעסן פרישטאג און מיטאג, געבענטשט און געלערנט, געגאנגען צום ציון.

מען דארף אנערקענען די מלמדים מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו, מו"ה בערל שניטצלער הי"ו, מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו, מו"ה נחמן נתן קרויס הי"ו, מו"ה יואל פריעדלענדער הי"ו, מו"ה ישעי' איידליס הי"ו, און דער מנהל הר"ר מרדכי' אינדיג שליט"א. דער גבאי פונעם בית המדרש אין סטעטן איילענד מו"ה אהרן שלמה שווארץ שליט"א האט מיטגעברענגט גענצע פעק פון פרייזעס וואס די קינדער האבן געקענט קויפן לויט וויפיל טיקעטס זיי האבן באקומען פון די מלמדים.

## ראש השנה שלי עולה על הכל

אומאן

## געהויבענע מעמד הנחת אבן הפנה פאר נייע בית המדרש אין אומאן




א געוואלדיגע התרגשות'דיגע מעמד איז פארגעקומען אין אומאן אויפן גרויסן שטח נעבן דעם עקזיסטירנדען בנין, ווי מען האט געלייגט דעם "אבן הפנה" פאר נייעם גרויסן בנין בית המדרש דאנערשטאג ערב ראש השנה.

אויפן אפגעשמועסטן זמן פון פינף אזייגער האט זיך א גרויסער ציבור פארזאמעלט בראשות פונעם ראש ישיבה שליט"א.

מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו האט געדינט אלס יושב ראש און האט געשמאקן אנגעפירט דעם פראגראם. דער יושב ראש האט ארויסגעברענגט די געוואלדיגע געפילן וואס דער מעמד ברענגט ארויף, און האט געדאנקט דעם אויבערשטן אז מען האלט שוין דא, ווען מיט בלויז עטליכע יאר צוריק האט מען געלאכט פון אונז אז מען בויעט אזא גרויסן בנין וואס אפילו האלב דערפון קען מען נישט אנפילן און א דאנק די מפיצים קומען צו כסדר פרישע מקורבים און עס האלט שוין ביי א מצב פון כלו כל הקצים, מען קען שוין אפילו דאס נישט דערשטרייכן דעם געפערליכן געדרענג איבעראל אינעם בנין, דאס זעט זיך אן אין די צימערן וואס ווערן אויסגעכאפט נאך איידער מען קען עס אפילו ארויסלייגן, אזוי אויך די מקוה מיט די פילע שויערן איז שוין לאנג אויסגעוואקסן. די זעלבע איז דער עס צימער זייער קליין געווארן אפילו אין די וואכן טעג ווען נישט אלע עסן אינאיינעם פון די הונדערטער אידן וואס קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה. און ווער רעדט נאך פונעם בית המדרש וואס איז שוין לאנג צו מהיכל אין אלע תפילות פון יום טוב, סיי פון די הונדערטער אידן וואס שטייען אין אינעם בנין, און אויך פון די הונדערטער וואס קומען צו צופיס א האלבע שעה כדי צו הערן די ווארימע תפילות און דרשות פון ראש ישיבה שליט"א.

ר' אברהם הערש האט ארויפגערופן דעם כהן שדעתו יפה מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו וואס איז דער אינציאטער פון דעם געדאנק פון בויען א בנין בכלל און האט א האנט אין יעדע גוטע זאך אין היכל הקודש, וואס ער וועט שטיין בראש אויף פון דעם בנין בעזרת השם יתברך.

ר' יואל האט ארויסגעברענגט זיין געוואלדיגע התרגשות שטייענדיג ביי דעם מאמענט ווי קוים נאך עטליכע יאר פון ווען מען האט אנגעהויבן טראכטן פון א בנין און דא האלט מען שוין ביים צווייטן בנין, ער האט דערמאנט אז מען האט פילע געדאנקען און פלענער און מען בעט דעם אויבערשטן מען זאל קענען טון דאס בעסטע. ער האט געזאגט כאטש מען גייט בעזרת השם יעצט בויען א ריזיגן בנין, זעט מען אבער יעצט אז מען דארף עס בויען אויף א וועג מען זאל עס קענען אויסברייטערן. אויך האט ער געזאגט אז מען האט שוין אפגעקויפט נאך שטחים סיי דערנעבן, און אזוי אויך קעגן איבער צוליב פלענער צו בויען נאך א פרישע בנין פאר אש"ל.

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט ווארימע דיבורים, ארויסברענגענדיג אז פון די הנחת אבן הפנה קען מען זען די גרויסקייט פון יעדע קליינע זאך, ווייל לכאורה וואס איז די שמחה דא? מען לייגט אריין עטליכע שטיינער אין דער ערד? אבער - האט דער ראש ישיבה געזאגט - דאס פאסירט מיט יעדע גוטע זאך וואס מיר טוען פארן אייבערשטן, מענטשן טראכטן וואס איז שוין א ווארט צום אויבערשטן, אבער אין הימל מאכט מען דערפון א גאנצע מעמד, פארענטשעס, מוזיק, מען פאטשט און מען זינגט, און מען בויעט דערפון א גאנצע בנין.

דערנאך האט מען ארויפגערופן די נדבנים וואס האבן אפגעקויפט דער זכות צו זיין פון די עשרה ראשונים צו בויען דעם בנין, מו"ה משה איינהארן הי"ו, מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו, מו"ה הערשל כ"ץ הי"ו, מו"ה שבתי מזרחי הי"ו, מו"ה משולם פינטער הי"ו, מו"ה אברהם אלי' פריעדריך הי"ו, מו"ה יוסף הכהן פריעדמאן הי"ו, מו"ה אלי' קנאלל הי"ו, מו"ה יצחק רוטנער הי"ו, און נאך איינער בעילום שמו. מען האט געוואלט מאכן א ליציטאציע צו פארקויפן דעם ראש ישיבה'ס שטיין, אבער דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן "איך קויף אפ דעם שטיין", און אזוי איז עס געבליבן.

דערנאך האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ "בורא עולם בקנין" און נאך פילע פרייליכע ניגונים, און מען האט זיך געלאזט צום לאקאציע פונעם מזרחית דרומית ווינקל ווי עס איז געווען גרייט א גרוב און די אלע נדבנים בראשות דער ראש ישיבה האבן געהאט די געלעגנהייט צו גיסן די ערשטע שטיינער פארן גרויסן בנין.

אנשי שלומנו זענען מתפלל אז די עוסקים במלאכת הקודש זאלן מצליח זיין צו מסדר זיין די פלענער אויף א שנעלע און גוטע אופן, וואס וועט בעז"ה אויך האבן נאך פילע פונקציעס, ווי שטיבלעך פאר וואכן מנינים פון סליחות שחרית מנחה און מעריב, צימערן פאר די חדר.

**קרית ברסלב**

## לוח ברסלב תשפ"ד איז שוין דא צו באקומען




דער ברסלבע'ר לוח געפונט זיך אין טאש פון יעדן תלמוד היכל הקודש, אויף יעדע זייט איז דא הערליכע מאמרים פון מוהרא"ש זי"ע איבער די זמן פון יאר וואס מ'שטייט, וואס וועקט אויף דעם מענטש איבער די אוצרות וואס מען קען אריינכאפן אין דעם וואך אדער חודש.

אזוי אויך איז צוגעצייכענט יעדן טאג אלע שיעורים כסדרן, דער בלאט גמרא, ירושלמי, תוספתא פאר יענעם טאג, וואס איז א ממש א הכרח פאר יעדן תלמוד היכל הקודש צו וויסן.

דער לוח איז געווארן נאך מער אויפגעכאפט אין די לעצטע יארן, ווען דער קרן הדפסה האט אריינגעלייגט גרויסע כחות און הערליך איבערגעמאכט דעם לוח מיט שיינע געשמאקע קלארע אותיות, אזוי אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א געהייסן צולייגן די נ"ך און רמב"ם פונעם טאג, אזוי אז דער לוח וועט זיכער צוגעבן פאר יעדעם אסאך הרחבת הדעת.

אזוי אויך האט דער קרן הדפסה אין די לעצטע יארן אריינגעלייגט גרויסע כחות אז דער לוח היי יאר זאל ארויסקומען בסייעתא דשמיא א דבר נאה ומתוקן אן קיינע גרייזן.

דער נייער לוח אין לשון הקודש פארן יאר תשפ"ד הבעל"ט קען מען שוין באשטעלן אויפן ברסלב סענטער געשעפט, און איז דא צו באקומען אין אידיש אדער לשון הקודש פאר בלויז $1.99 צו די צופרידנהייט פון אנשי שלומינו.

דער לוח אין אידיש האט צוליב טעכנישע סיבות אביסל געשפעטיגט, אבער איז שוין דא צובאקומען ביי ברסלב סענטער געשעפט, אזוי אויך ביי אלע מפיצים אין אלע געגענטער.



# „מעשיות פון תפילה"

## שלמה זולדן - בני ברק:

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן א לאנגע צייט אז איך זאל קענען האבן א טיקעט אויף אומאן ראש השנה, און אויך אז מיינע עלטערן זאלן מסכים זיין אז איך זאל פארן.

שכח אייבערשטער אז איך האב געקויפט א טיקעט פאר א גאר גוטע פרייז און דערצו נאך צוזאמען מיט אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש, און אויך אז מיינע עלטערן זענען ברוך השם מסכים בחפץ לב.

## יואל משה פליישמאן - קרית יואל:

מיין בחור האט זיך צובראכן די הענט און ער האט געדארפט האבן א קעסט, משום איזה סיבה האב איך נישט געקענט גלייך גיין אין שפיטאל, האב איך געדארפט זען שפעטער ווען איך וועל יא קענען גיין אין שפיטאל מאכן די קעסט. למעשה האט מען ארום גערופן אלע דאקטורים וואס מאכן א קעסט אבער מען האט צו קיינעם נישט געקענט אנקומען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען אנקומען צו א דאקטער ווי אמשנעלסטן, אויך האב איך געזאגט פאר מיינע קינדער אין חדר זיי זאלן אלע בעטן דעם אייבערשטן פאר מיר אז מען זאל קענען מאכן די קעסט פאר מיין בחור.

ממש אביסל נאכדעם האט איינער אויפגעהויבן די טעלעפאון און מען האט געמאכט א צייט ווען מען קען אריבער קומען מאכן די קעסט, און אויך זענען זיי געווען ממש נאנט צו קרית יואל, און ברוך השם מען האט געמאכט די קעסט און אלעס איז אדורך בשלום.

## יושע ראבינאוויטש - ירושלים עיר הקודש:

איך ווארט שוין בערך צוויי יאר צו באקומען א פטור (א צעטל אז מען דארף נישט קומען אין מיליטער) פון מיליטער אבער זיי האבן עס נישט געהאלטן ביים געבן. מיר האבן אלעס פרובירט צו טון, ווי למשל געברענגט צעטלעך פון דאקטורים און פסיכיאטערס און געצאלט אסאך געלט פאר עסקנים זאלן העלפן, אבער זיי האבן זיך זייער שטרענג געהאלטן אז מען מוז קומען אויף 3 יאר דינען אין די מיליטער.

ס'האט אנגעהויבן ווערן זייער שווער זיי האבן אונגעפאנגען צו רופן יעדע פאר טעג אז מען דארף אראפקומען צו זיי און דארטן פלעגט מען אים אויפהאלטן בערך אכט שעה אין א בנין וואס אויב מ'גייט אריין קען מען נישט ארויסגיין, און אויך ווען איך פלעג אנקומען אין לופטפעלד פלעגן זיי אויפהאלטן כמעט ביזן פארפאסן די פליגער.

יעצט האבן זיי געזאגט אז די נאכלויפן איז געענדיגט, איך דארף מיך קומען שטעלן 7:30 אינדערפרי גרייט מיט א טאש און מיליטער קליידער, און אויב נישט וועט מען איינזעצן אין תפיסה. איך האב געוואלט קענען ארויסגיין פון ארץ ישראל כדי צו פארן אויף אומאן ראש השנה אבער אויב וועל איך אנקומען צו די לופטפעלד אן קיין פטור וועט מען גלייך איינזעצן.

איך האב געזען אז ס'נישט דא קיין אנדערע ברירה ממש נאר בעטן דעם אייבערשטן, ווייל זיי האבן במשך צוויי יאר געהאלטן אז איך בין פעאיג און געזונט צו גיין אין מיליטער און ס'האט געדארפט געשעהן א נס אז יעצט זאלן זיי טראכטן אנדערש, איך און מיין ווייב האבן געבעטן און געבעטן און נישט אויפגעהערט צו בעטן דעם אייבערשטן, מיר האבן געלייגט צדקה און אויך די קינדער פון חדר האבן יעדן טאג געבעטן אז די רבי' זאל ווערן אויסגעלייזט פון מיליטער. אויך האבן מיר צוגעזאגט אז מיר גייען מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אינעם קרית ברסלב בלעטל. אויך האבן מיר מזכיר געווען ביים ראש ישיבה אז אלעס זאל אדורכגיין בשלום.

למעשה בין איך אראפ צו זיי און געוויזן אז איך בין א משוגענער פון ערשטע קלאס וואס איז בכלל נישט פעהיג צו גיין דינען אין מיליטער, און זיי האבן ברוך השם איינגעזען אז איך בין נישט געמאכט פאר דעם און געגעבן א פטור אז איך דארף נישט קומען אין מיליטער.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ד תִּשְׁרֵי, אִסְרוּ חַג סוּכּוֹת, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, גַּבְּאֵי בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ לַאנְגֶע יָארְן אַלֵיינְס גֶערֵיינִיגְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; שְׁפֶּעטֶער וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה אִיז מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער גֶעוָוארְן, וַוייל דִי תַּלְמִידִים דִי בָּחוּרִים הָאבְּן מִיר צוּגֶעהָאלְפְן אוּן עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער צֶען יָאר וָואס דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר פְלֶעגְט רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶס רֵיינִיגְט, עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען בִּשְׁעַת'ן רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען רֵיינִיגְן נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בִּזְכוּת וָואס אִיךְ בִּין מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ רֵיינִיג דֶעם שׁוּל**".

טוּ דוּ אוֹיךְ אַזוֹי, נֶעם דִי זְכוּת פוּן הַאלְטְן רֵיין דֶעם רֶבִּינְ'ס שׁוּל פַאר דִיר, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין כֹּחַ אַלֵיין צוּ רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, נֶעם אַפָּאר בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אוּן אִינְאֵיינֶעם זָאלְט אִיר רֵיינִיגְן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאבְּן דִי כֹּהֲנִים גֶערֵיינִיגְט מִיט דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תָּמִיד ב, ב): "**מִיָּמָיו לֹא נִתְעַצֵּל הַכֹּהֵן מִלְּהוֹצִיא אֶת הַדֶּשֶׁן**", דִי כֹּהֲנִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן טוּן דִי עֲבוֹדָה פוּן רֵיינִיגְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ רֵיינִיגְסְט דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - וֶועסְטוּ רֵיין וֶוערְן אִינְגַאנְצְן פוּן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן פַארֶערְכְטְן.

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט"א



## סוּכּוֹת

**אין א שמועס וועגן די שמחה פון יום טוב סוכות האט דער ראש ישיבה געזאגט:** מוהרא"ש זכרונו לברכה האט דערציילט, אמאל איז דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו געזיצן אין זיין סוכה מיט זיינע תלמידים, און פלוצלינג הייבט דער בעל שם טוב אן זייער צו לאכן, האבן אים די תלמידים געפרעגט: "פארוואס לאכט דער רבי?" האט דער בעל שם טוב געענטפערט אז אין הימל לאכט מען יעצט, האבן זיי אים ווייטער געפרעגט: "פארוואס לאכט מען יעצט אין הימל?" האט זיי דער בעל שם טוב געענטפערט אזוי: "א בעל עגלה איז יעצט געוועזן אונטערוועגנס, און אינמיטן וועג איז ער געווארן זייער הונגעריג, ער האט געזוכט א סוכה וואו צו עסן, ער האט אבער נישט געטראפן קיין סוכה וואו צו עסן, האט ער געמאכט א לאך אין זיין הוט, און ארויף געלייגט סכך אויף זיין הוט, ער האט געמיינט אז אזוי איז ער יוצא מצות סוכה... דאס איז די גרויסע געלעכטער אין הימל, און די שמחה האט גורם געוועזן המתקת הדינים אין אלע עולמות עליונים, דערפאר לאך איך אויך" - האט דער בעל שם טוב אויסגעפירט.

זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש איז בשמחה, גייען אוועק אלע דינים פון אים; דערפאר זאלסטו זען צו זיין פריילך יום טוב, און זאלסט פריילך מאכן דיין ווייב און קינדער. פון איין זייט איז די שווערסטע מצוה פון יום טוב צו מקיים זיין (דברים טז, יד-ט): "**וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ, וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ**", אבער פון דער אנדערע זייט איז דאס די שענסטע מצוה, ווייל ווען א מענטש איז פריילך האט ער א מח, ער האט ישוב הדעת, און אז מען האט ישוב הדעת האט מען שוין אלעס.

(מכתב ד' וזאת הברכה, שנת תשע"ח)

## געדאנקען

משה ארי׳ שניצלער

# ער לייענט ׳דעפי׳ מאגאזינען





הערשעלע קערשעלע האט זייער ליב קערשעלעך.

ס׳מאכט נישט אויס אז זיין הענט ווערט רויט און זיין ציצית פורפל און זיינע וואנצעס קלעבעדיג, קערשעלעך איז נישט א זאך וואס הערשעלע איז גרייט אויפצוגעבן.

עס איז נישט אזוי וויט די קערשעלעך (cherries) וואס הערשעלע האט ליב, עס איז בעיקר די הונדערט דאלער ווערט מאגאזינען וואס ער לייענט בשעת׳ן אויסשפייען די הארטע עקשנות׳דיגע קערשן קערעלעך פון די לינקע זייט פון זיין מויל.

און אפילו די מאגאזינען איז אויך נישט די עיקר זאך, ווייל דאס איז דאך כולי עלמא מודי, אז נאכן לייענען צען גראבע דיקע גלאנציגע מאגאזינען האט ער נישט קיין אאאאאאנונג וואס דארט שטייט, ער קוקט מער אין די עין-הרע עד׳ס און קאנפידענס-קורס עד׳ס ווי אין די מאגאזינען גופא.

וואזשע דען?

די עיקר שבכל העיקרים ביי הערשעלע איז, אז אויב זיין ווייב וויל עפעס רעדן צו אים זאל ער איר קענען זאגן, דו זעסט נישט אז איך טו עפעס? וואס וויל זי שוין ווייטער פון מיר?! כ׳האב נישט קיין רגע מנוחה פון איר!

דערפאר, יעדן פרייטאג, ווען זיין ווייב דארף אביסל הילף אין שטוב ווערט הערשעלע אנטרינען און גייט קויפן זיינע קערשעלעך (טשערי׳ס) און פאפיטע׳ס און טערקישע פיסטוקעס און עכטע איראק׳ישע האלווא, אז פרייטאג צו נאכטס, גלייך ביים ענדיגן ציפן און שטויסן די קינדער פאר נישט זינגען הויך קה רבון עלם, זאל ער קענען ארויף שארצן די ארבל און זיך ארויס לאזן אויף א דמיונות׳דיגע שפאציר פון איין טערעפי אדווערטייזמענט צום צווייטן און אינצווישן אביסל דערשנאפן די רבי׳שע בילדער פון די ביקור גומלין׳ס און נעתר לבקשתינו׳ס ווי אויך די זאפטיגע בילדער פון די תנאים פון בן האדמו״ר מ׳הוידוקאקאשקעקיק עם בת האדמו״ר מ׳אונטערסמייטע. דאס איז הערשעלע׳ס רילעקסינג טיים, זיין ״מי טיים״ (me time), זיין ״דא נאט דיסטערב״ טיים. (דאס איז אויך הערשעלע׳ס צייט פון התקשרות לצדיקים, און ווען א ברסלב׳ער וויל אים געבן א ספר וועגן רעדן שיין צו די ווייב, לייגט ערביידע הענט אויף די קערשעלעך-אנגעפולטע בייכעלע






און זאגט מיט א באסאווע שטימע: דו לעב מיט דיין צדיק און איך לעב מיט מיין צדיק! איך בין א אונטערסמייטעגע'ר חסיד און איך האלט נישט ביים זיך אוועקרירן פון די הייליגע אונטערסמייטע'נע מסורה!)

יעדן יאר אינמיטן זומער, ווי נאר ס'איז אדורך אכט און פערציג שעה פון די לעצטע שבת נחמו קאנצערט, מיט'ן קומזיץ ביים סוף, און הערשעלע זעט אז די שמחה פון זיין שבת נחמו האטעל-וואקאציע האט אנגעהאלטן ביז די ערשטע קריגערייי אין די מיני-ווען אויפן וועג אהיים, רופט ער אן זיין ברסלב'ע חבר, טוטצעדקך.... ס'י נייעס....... ס'האנדלט זיך......... צייל עפעס....... פארסט צום "רבי'ן"? פאר דעם האסטו יא געלט? מ'טוט צעך וואס מ'וויל און מ'פארט צעך אויף אומאן?......

לאמיר א בליק טאן.

מאנטאג פרשת האזינו א' כ"ה תשרי תשפ"ג פיר אזייגער נאכמיטאג זעמיר געפארן פון שטוב צו די גרויסע "פארק ענד רייד" ד'קרית ברסלב, ליבערטי, (דארט וואו עס געפינט זיך די קאמפיוטער קיאסק און די באזאאר וואו פרויען קויפן קליידער פאר דריי פיר דאלער). באלד דערויף זעמיר ארויף אויף די באקוועמע קאוטש באסעס (א עקסטערע אונטערנעמונג פון ידידינו מו"ה מנחם שטיינגבערג הי"ו צו מאכן גרינגער פאר די איינוואוינער אין שטעטל) זיבן אזייגער זעמיר אנגעקומען צו קענעדי עירפארט.

די טייערע עסקנים פון "פלען איט רייט" קומען אלץ אויף מיט נייע חידושים צו מאכן באקוועמער און געשמאקער, דאס יאר האבן זיי צוגעשטעלט א נאראהאפטיגע נאכטמאל ביי די גייט פארן בארד'ן דעם עראפלאן, א חידוש פון א סערוויס, איבעריג צו זאגן אז דער עולם האט זיך מחי' געווען.

ווען דער פליגער האט געלאנדעט דינסטאג צוויי אזייגער נאכמיטאג אין ריישא, איז געווען דינסטאג אכטע צופרי אין ניו יארק (16 שעה טרעוול).

מען איז געפארן מיט באסעס קיין ליזענסק, זיך מחי' געווען מיט א געשמאקע מיטאג, געגאנגען צום ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זכותו יגן עלינו, זיך אראפגעלייגט אין האטעל פאר א שעה צוויי (אלעס העפליך צוגעשטעלט דורך "פלען איט רייט") געגעסן א פיינעם נאכטמאל.

האלבער צענע (דינסטאג ביינאכט)

**דו לעב מיט דיין צדיק און איך לעב מיט מיין צדיק!**








איז מען ארויף אויף די באסעס, מ'פארט קיין פשעמישל צום באן סטאנציע וואס וועט אונז פירן אויף אן אכט שעה'דיגע רייזע קיין וויניצע, אוקריינע. (אינמיטן די באן רייזע קומען ארויף די אוקריינישע פאספארט קאנטראל, די פוילישע ארויסגאנג פאספארט סטעמפל איז אין פשעמישל אויף די פלאטפארמע פאר מ'טרעט אריין אין די באן).

די באן איז ארויסגעפארן אום צוועלף אזייגער ביינאכט און אנגעקומען אין וויניצע אום אכטע צופרי מיטוואך. פון וויניצע איז מען געפארן א איין שעה'דיגע רייזע קיין אומאן, ביז מ'זעט זיך אינעם גיגאנטישן "בנין היכל הקודש - אומאן" איז שוין צען אזייגער - לאקאלע צייט, (אין ניו יארק איז יעצט מיטוואך פיר אזייגער פארטאגס) מיר האלטן יעצט ביי זעקס און דרייסיג שעה טרעוול, צוויי נעכט נישט שלאפן אין א בעט.

אבער האסט נישט געטראכט פון די רענצלעך! א טאטע פון דריי אינגלעך, שלעפט פיר גרויסע רענצלעך, מיט נאך "קערי אן".

וויפל מאל באהאנדלט מען די רענצלעך?

אריין אין קאר, פון די קאר צום באס, ביי קענעדי עיר פארט, אין ריישא צום באס, אראפ אין ליזענסק, צו די סטאנציע, אויפן באס קיין פשעמישל, אראפ ביי די פשעמישל באן, אין וויניצע אראפ פון די באן, ארויף אויפן באס קיין אומאן.

יעצט לאמיר זען די רייזע מוצאי יום טוב.

מוצאי יום טוב ניין אזייגער (א האלבע שעה נאכן זמן) האט מען שוין געדארפט זיין אויף די באס צו קענען אנקומען צו כאפן דעם פליגער אין ריישא (די וועג צוריק איז מען נישט געגאנגען מיט די באן, נאר אנשטאט מיט באסעס).

אויפ'ן פאפיר נעמט די וועג פון אומאן קיין ריישא צען שעה, אבער מ'מוז דאך רעכענען צוויי דריי סטאפס, מ'האט צוגעשטעלט א הערליכע געשמאקע מקוה אין פשעמישל מיט א געשמאקע מיטאג, און ס'איז געווען גאנץ לאנגע ווארטונגען ביים גרעניץ, זעמיר אנגעקומען קיין ריישע נאך צוויי אזייגער, גלייך אריינגעטשעקט און געווארט א שעה צוויי ביז מ'הייבט זיך, ביז מ'האט ברוך השם געלאנדעט מאנטאג ניין אזייגער ביינאכט ניו יארקער צייט (יעצט איז אין אומאן מאנטאג דריי אזייגער ביינאכט - דרייסיג שעה טרעוול).

קומט אויס, אז אין איין וואך איז מען געווען זעקס און זעכציג שעה אין טרעוול און דריי נעכט אן א בעט. (און דיין אכסניא אין אומאן איז דאך אויך "טרעוול", מ'לעבט דאך אין א רענצל, נאר דו האסט כאטש א בעט צו שלאפן)

און אונזער הערשעלע מיט זייןme time אבסעסיע, האט עפעס קראנטע אינפארמאציע אז מ'טוט "צעך" וואס מ'וויל און מ'פארט "צעך" אויף אומאן.

ס'פאלט אים נישט ביי אז מ'ליינט "צעך" פוסטע נארישע ליידיגע צייטונגען און מ'איגנארט "צעך" די ווייב.

אוי וואו נעמט מען כח צו אזא נסיעה?!

וואו נעמט מען טאקע כח?

און בכלל, וואס איז טאקע די זאך דארט אין ברסלב? איז עס טאקע אזוי זיס ווי זיי מאכן עס? אדער ס'איז עפעס א אנגעזעצטע קולט וואס מ'לאזט קיינעם נישט וויסן די אינסייד סטארי, די ריעל אינפאו........

שששששש......! זיי שטיל! רעד נישט הויך! איך פיר אייך אריין אין איינס פון די שטובער אין "בנין היכל הקודש - אומאן"!

אבער איר מוזט זיין שטיל אינגאנצן! ווייל די ברסלב'ע חברה וועלן נישט דערלאזן אז מ'זאל זיך דערוויסן אין די דרויסנדיגע וועלט וואס ס'טוט זיך דארט עכט וואו קיינער זעט נישט.

ששששששש..... שטיל......!

אט דער בנין היכל הקודש אין אומאן, וואס גוטע פריינט ווארענען זייערע ידידים (איך מיין נאר דיין אייגענע טובה! דו וועסט מיך באדאנקען!) אז מ'טאר דארט נישט אריינגיין, באשטייט פון א גרויסע בית המדרש אויפ'ן גראונד פלאר, העכער דעם איז דא פיר שטאקן פון שלאף צימערן, גאנץ אונטן איז דא א עס-זאל מיט א הערליכע קאמערשל קיטשן און אויך א מקוה.

איי, וועט איר זיך וואונדערן, אויב איז עס א "קולט" פארוואס איז טאקע אפן די טיר? גוטע קושיא! איר קענט עס פרעגן פון הערשעלע דער בעל ה'קראנטע אינפארמאציע לכל עניני



# געדאנקען





ה'קולט והמסתפק.

אבער פליז רעדט נישט צו הערשעלע ווען ס'איז me time

געווענליך קומט אויס "מי טיים" ווען זיין ווייב וויל עפעס רעדן צו אים וועגן העלפן לייגן די קינדער שלאפן.

מיר וועלן אייך שטילערהייט אריינפירן אין א צימער אויפן דריטן שטאק.

אויב איר ווילט אביסל אפשאצן וואס טוט זיך אין ברסלב געט א קוק אויף די פיר באנק-בעד'ס וואס איר זעט דא!

מיר וועלן עס באצייכענען מיט נומערן, אזוי וועט אונז זיין גרינגער צו פראצעסירן די פילע בערג און אוצרות פון אינסייד אינפארמאציע וואס מיר וועלן היינט, איינמאל פאר אלעמאל, ארויסבאקומען פון מה'נעשה והנשמע לפני ולפנים בהיכל הקודש ברסלב.

אויף די רעכטע זייט נעבן די טיר איז באנק-בעט נומער איינס, אונטן שלאפט א אינגערמאן וואס האט געענדיגט ששה סדרי משנה אכציג מאל, גמרא מסכתא תענית הונדערט און איינמאל, גמרא מסכתא חגיגה פערציג מאל, גמרא מסכתא מגילה זיבעצן מאל.

(הערשעלע פרעגט "געזאגט צו געלערנט?" גוט...... גוט....... הערשעלע גיי צוריק צו דיין קערשעלע....... האסט נאכנישט געענדיגט קוקן אלע רבי'שע בילדער, כאפ אריין, היום קצר והבילדער מרובה!)

אויבן אויפ'ן באנק-בעט איז א אינגערמאן וואס האט געענדיגט משניות ניינציג מאל, גמרא מסכתא תענית פערציג מאל.

גיימיר צו באנק-בעט נומער צוויי.

אויבן איז א אינגערמאן וואס האט געענדיגט משניות 55 מאל, גמרא תענית הונדערט און איין מאל, גמרא מסכתא ראש השנה פערציג מאל.

אונטן איז א אינגערמאן וואס ער האט מיר געזאגט אז ער האט א פאליסי' אז ער זאגט נישט וויפל מאל ער האט געלערנט דאס און יענץ, כ'האב אים נישט געוואלט דערקוטשען, איך האלט אויך נישט ביים ארויסגעבן וויפל זעק קארן-טשיפס איך האב מסיים געווען.

באנק-בעט נומער דריי, אונטן, געענדיגט משניות זעקס מאל (דאס מיינט זעקס מאל פון די צווייטע הונדערט און איינס, צוזאמען הונדערט און זיבן. איי, צו-וואס אזא מין חשבון? איך קוק נישט אין דיין אינקאם וואס דו זאגסט פאר די קרעדיט קארד קאמפאני, און דו קוק נישט אין מיין משניות בוק-קיפינג.......) גמרא מסכתא תענית צוויי און זעכציג מאל.

אויבן, משניות אכצן מאל, גמרא מסכתא תענית 36 מאל.

באנק-בעט נומער פיר, אונטן, משניות דרייסיג מאל, גמרא מסכתא תענית 85 מאל.

אויבן, א אינגעלע אונטער די בר מצוה, האלט אינמיטן די ערשטע מאל משניות, נאכנישט געענדיגט.

איך וואלט געטוישט הערשעלע'ס נוסח.... איך וואלט געזאגט אזוי: מ'לערנט "צעך" תורה יעדן טאג פון יאר, מ'זאגט "צעך" א דף יעדן טאג, מ'רעדט "צעך" שיין צו די ווייב א גאנץ יאר, מ'האלט "צעך" נישט ביזי מיט די פוסטע נארישע בילדער פון נעתר לבקשתינו להרמת קרן תפארתינו למלאות הפארענטשעס דקהל עדתינו.

איז וואס זאל הערשעלע טון? אויסגיין אויף קידוש השם? ניין! עס טשערי'ס! עס בערי'ס! עס האלוואו! עס מאלאוואח! עס ניסלאך! עס בעבלאך! עס פערזשאך! אבער טו צו די זאך! לייג צו איין פרק משניות יעדן טאג, וועסטו האבן אסאאאאאאאך מי טיים! דיין גאנצע לעבן וועט ווערן איין שטיק מי טיים! וועסט זען אז יעדע סקונדע אין לעבן איז מי טיים!



# נאטיצן און קרישקעלעך

**פונעם פאנדרעיזינג אפיס אינערהאלב כולל היכל הקודש ברסלב**




## נדבות לזכר נשמת הנעדרים

מו"ה יואל משה מייזעלס הי"ו האט מנדב געווען א פרנס היום לעילוי נשמת זיין עלטער זיידן, מחשובי תלמידי רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, הרה"ח המפורסם מו"ה דוד מרדכי מייזעלס ע"ה, וואס ער איז געווען א געטרייער סאלדאט פאר'ן רבי'ן און גאר אסאך ארויסגעהאלפן מיט די הנהלת הישיבה.

מו"ה ישעי' איידליס הי"ו, מלמד מומחה און אונזער תלמוד תורה אין וויליאמסבורג, האט מנדב געווען א פרנס היום לעילוי נשמת זיין באבע, האשה החשובה מרת יוטל צירל בת ר' משה נתן ע"ה אשת הרה"ח המפורסם מו"ה ישראל דוד וויינבערגער ז"ל, דער באוואוסטער סופר סת"ם און מוהל מומחה. מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר אסאך תלמידים אז מ'זאל אים נעמען אלס מוהל "מומחה".

ווען מוהרא"ש האט באנייט די בילדינג אויף צוויי און פערציגסטע גאס איז געווען די ערשטע ברית מיין זון מו"ה הערשל הי"ו און דער מוהל איז געווען מו"ה ר' ישראל דוד ע"ה על פי עצת מוהרא"ש זי"ע. די ברית איז געווען די טאג וואס מ'איז געפארן קיין אומאן.

מו"ה ר' ישעי' איז דער בריח התיכון פון מערערע פראיעקטן בקרב קהילתינו הקדושה, אריינגערעכנט די ברסלב'ע קאנטרי "מחנה אילן החיים ד'ברסלב".

ר' ישעי' איז אויך פון די אנפירער'ס פון די וועלט בארימטע "אומזיסטע חתונות" וואס קומט פאר כסדר אין בית המדרש היכל הקודש ברסלב אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט אז מ'טאר נישט פארשווענדן געלט אויף א דמיון וואס גייט אוועק אין פינף שעה, ובפרט אז דאס קען צומאל גורם זיין אז עלטערן זאלן זיך נישט יאגן צו א שידוך ביי א קינד וואס איז שוין לאנג נאך בן שמונה עשרה לחופה, וואס די רעזולטאטן פון אפשטופן א שידוך ווייסט נאר דער באשעפער אליין.

מו"ה שמואל חיים זאבעל הי"ו ובנו מו"ה הערשל זאבעל הי"ו האבן מנדב געווען א פרנס היום לעילוי נשמת זייער זיידע / עלטער זיידע הרה"ח המפורסם מהר"ר ליפא מאן זכרונו לברכה, וואס ער איז געווען קאוואטשהאזא'ער רב אין די יארן נאכ'ן קריג.

ר' ליפא איז געווען א באוואוסט אלס א מוסטער פון א חסידישער איד וואס איז געווען א ביישפיל פון א "חסיד צהלתו בפניו" ער האט באשיינט די שטאט וויליאמסבורג ביז זיין טיפן עלטער בשנת מאה לחייו און איבערגעלאזט א הערליכע פארצווייגטע משפחה פון דורות ישרים מבורכים.

ר' ליפא איז געווען א משפחה פאר אונז, ווייל מיין עלטער זיידע הרה"ג מוהר"ר שרגא שמואל מ'טשאבא ז"ל איז געווען א איידעם ביי ר' שלום יארמע'ר ז"ל וואס איז געווען א איידעם ביי ר' יעקב דוב מאן ז"ל, דער זיידע פון ר' ליפא ז"ל. איך געדענק ווען אונזער משפחה פלעגט זיך טרעפן מיט ר' ליפא האט זיך געגאסן געשמאקע סיפורי צדיקים וואס אונזערע זיידעס פלעגן פארן צו זיי.

מו"ה אברהם אלי' זעלקאוויטש הי"ו און מו"ה אייזיק קאהן הי"ו האבן מנדב געווען א פרנס היום לעילוי נשמת זייער עלטער זיידע הרה"ח מו"ה מאיר יעקב שווארץ ע"ה. אויב איך געדענק גוט, איז ער געווען א מלמד אין סאטמארע תלמוד תורה אין בארא פארק, און דער ראש ישיבה שליט"א האט געלערנט אין זיין כתה.

## געהאלפן געווארן בזכות החזקת התורה ולומדיה

מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו האט אנגערופן אין אפיס פון כולל, אז ער האט אסאך ארבעט צו ענדיגן אלץ לעקטערישן, און ער וויל געבן א "זכות אברך לחודש", אז די זכות זאל אים העלפן, אז אלעס זאל גיין על צד היותר טוב. ביז צוויי טעג האט ער אנגערופן אז ס'האט געארבעט ווואונדערבאר! און האט באלד אויפ'ן פלאץ צוגעגעבן א הוספה אויף די פריערדיגע נדבה.

## אין צייט פון שמחה

מו"ה יוסף איינהארן נ"י האט מנדב געווען א פרנס היום לכבוד די שמחה פון געבורט פון א אינגל בעיבי ביי זיין ברודער מו"ה משה הי"ו מגדולי התומ־כים דקהילתינו

לכבוד די חתונה פון מו"ה נחמן יואל וועבערמאן הי"ו האט משפחת מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו מנדב געווען א פרנס היום, אויפ'ן צעטל אויף די וואנט איז געווען אויסגערעכנט די קינדער פון ר' אהרן וואס האבן עס מנדב געווען צוזאמען ה"ה מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו, מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו, מו"ה הערשל שניטצלער הי"ו, מו"ה פנחס דוד וועבערמאן הי"ו, מו"ה קלמן וועבערמאן הי"ו, מו"ה אברהם צוויבל הי"ו

ר' אהרן איז געווען פון די יחידים וואס האבן זוכה געווען אריינצולייגן די

קינדער אין ברסלב'ע חדר באלד די ערשטע טאג וואס ס'האט זיך געעפנט, און פון דארט און ווייטער באגלייט און מיטגעשוויצט מיט די "סלאו ענד סטעדי" פארבערייטערינג פון מוסדות היכל הקודש ברסלב. דער ראש ישיבה האט געזאגט כמה פעמים ברבים אז אלע קינדער וואס הייבן אן זייער לעבן דא אין די ברסלב'ע חדר פון אלס גאר קליין קינד, וועלן זיין אפגעהיטן ביז די חתונה.

## קרישקעלעך....

מו"ה דוד דייטש הי"ו פון מאנסי האט געזען דעם מנהל הכולל גיין נאך געלט ביי א חתונה, איז ער צוגעקומען און געגעבן א פרנס היום.

מו"ה מרדכי היימליך הי"ו האט געזען דעם מנהל הכולל גיין נאך געלט ביי א חתונה, איז ער צוגעקומען און געגעבן א פרנס היום.

מו"ה אלימלך שלמה יודא מארמארשטיין הי"ו האט געגעבן א פרנס היום לכבוד זיין ידיד מו"ה מעכל ראזנפעלד הי"ו, וואס העלפט אים אסאך אין ביזנעס.

מו"ה אייזיק ראטה הי"ו פון וויליאמסבורג האט אנגערופן אין אפיס פון כולל מיט א פרנס היום, אז ס'זאל זיין א זכות ער זאל מופן אין שטעטל ווי שנעלער. דער אייבערשטער זאל העלפן די זכות התורה זאל מגין זיין בכל מילי דמיטב.



כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א



כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט״א

# אז מ׳מוט אביסל, העלפט דער אייבערשטער אסאך

וועו ס׳איז געווען די ברית פון בן מו״ה אברהם אליי פריעדריך הי״ו בין איך ארומגעגאנגען נאך צדקה ביי די ברית, א אינגערמאן, א חבר פון אברהם אליי נ״י, נעמט ארויס א קרעדיט קארטל, ער געט א שיינע נתינה, און ער זאגט מיר, נעם די נאמבער און טשארדזש יעדע חודש כך וכך.......

# בריוו פון דער ראש ישיבה

בעזרת ה׳ יתברך
ב׳ פרשת מקץ, כ״ט כסליו, ה׳ דחנוכה, שנת תשפ״א לפרט קטן

לכבוד ... נרו יאיר

א גרויסן יישר כח פאר׳ן מיר העלפן איך זאל קענען אויסהאלטן די חשוב׳ע כולל אינגעלייט.

דער כולל איז מיר א מתנה פונעם אייבערשטן; נאכן אריבער גיין שווערע ביטערע יארן, אזעלכע שוועריקייטן וואס קיינער געדענקט שוין נישט, האט מיר דער אייבערשטער געגעבן די כולל, א כולל וואו אינגעלייט לערנען בהתמדה רבה.

איך האף דו וועסט מיר ווייטער העלפן; הלוואי וואלט איך זיי געקענט געבן מער כולל געלט, זיי זאלן קענען לערנען מיט ישוב הדעת, מיט א רואיגקייט.

אין דעם זכות זאלסטו זוכה זיין צו בְּנִין רַבָּנָן, חַתְנָוָותָא רַבָּנָן וְהוּא גּוּפֵיהּ הָוֵי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן, חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת כג:) ווער עס האט ליב תלמידי חכמים און איז זיי מכבד – וועט זוכה זיין צו דעם.

# בילדער





בס"ד

NOW OFFERING

# QuickBooks Clean-up Service



- Updating QuickBooks
- Reclassifying Transactions
- Correcting Uncategorized Items.
- Entering Previous Bank Statements

**Fast and Accurate ~ Best Price Guaranteed**

KB BUSINESS SOLUTIONS
BOOKKEEPING SERVICES

1-845-293-7667

kbbsbookkeeping@gmail.com

Ephraim Feldman

ישראל דוד העסקעל

# דורכגעבראכן די מניעות



קיינער קומט נישט צום רבי'ן אן קיין מניעות! אזוי גייט עס, מיט יעדע דבר שבקדושה קומט מיט מניעות כדי צו מאכן א חשק צו קענען דורכברעכן די מניעה און קענען מקיים זיין דעם דבר שבקדושה.

בפרט ווען ס'קומט צום רבינ'ס זאך איז דא אויף יעדע טריט און שריט מניעות וואס נאר אזוי קען מען זיך דערהאלטן ביים רבי'ן.

אבער ווען עס קומט צו קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה אין אומאן - וואס אויף דעם האט דער הייליגער רבי געזאגט אז קיין גרעסערס איז נישט פאראנען - זעט יעדער איינער אויסטערלישע מניעות. מוהרא"ש פלעגט זאגן אז יעדער איינציגסטער מענטש וואס געפונט זיך ראש השנה אין אומאן קומט אן קיין אומאן מיט שוועריקייטן.

די מניעות קען מען נאר דורכברעכן אויב איז מען מחליט ביי זיך אז איך מוז דאס דערגרייכן זאל זיין וואס זאל זיין, נאר דעמאלט איז מען זוכה עס צו קענען דורכברעכן. אבער אויב א מענטש זעט ווי ס'גייט שווער און ער געבט אויף און זאגט איך קען נישט איך האב מניעות וועט ער טאקע צום סוף עס נישט קענען ברעכן.

דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז ראש השנה ביים רבי'ן איז נישט קיין צייט צו רעדן און שמועסן מעשיות וואס מען איז אדורך אנצוקומען צום רבי'ן, ראש השנה רעדט מען נישט, יעדער איז נאר פארנומען זיך אויסבעטן א זיס יאר, אבער סוכות אין די סוכה קען מען זיצן, שמועסן, פארברענגען און הערן יעדן איינעמ'ס מעשיות ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו קענען ברעכן די שווערע מניעות און זוכה געווען צו זיין ביים רבינ'ס קיבוץ.

לכבוד סוכות האבן מיר געכאפט א שמועס מיט עטליכע אנשי שלומינו וואס שילדערן אביסל אויפן שפיץ גאפל עטליכע נקודות פון זייערע מניעות וואס זיי האבן געבראכן צו קענען זוכה זיין צו זיין ראש השנה אין אומאן.

### אברהם דוד לאקס

שכח אייבערשטער אז איך פאר שוין צען יאר צום הייליגן רבי'ן אבער דאס יאר האבן זיך די מניעות מורא'דיג געשטארקט אויף מיר, איך געדענק נישט א יאר וואס איך זאל האבן אזעלכע שווערע מניעות ווי דאס יאר, איך האב ממש געדארפט צוקומען צו דעם רבינ'ס התחזקות "יא געדאווענט נישט געדאווענט, יא געגעסן נישט געגעסן, יא געשלאפן נישט געשלאפן".

אבער די שווערסטע חלק פון די נסיעה ווי איך האב געשפירט די מערסטע מניעות איז געווען אויפן וועג אהיים, קודם בין איך געזעסן אויפן באס ביים פוילישן גרעניץ פאר איבער זעקס שעה אן קיין עיר קאנדישן, איך האב ממש געשפירט אז איך גיי אויס.

איך שפעטער ווען מ'איז שוין ענדליך געזעסן אויפן פליגער האט די פילאט די לעצטע מינוט מחליט געווען אז ער האלט נישט ביים פליען, ער האט פשוט אוועק שפאצירט, און מיר זענען געזעסן אויפן פליגער דריי פיר שעה און געווארט ביז א נייע פילאט איז געקומען צו פירן דעם פליגער.

וואס איך בין אבער זייער נתפעל געווארן פון אנשי שלומינו איז ווי אזוי די עולם האט עס אויפגענומען, נארמאל וואלטן מענטשן ערווארטערט אין אזא סיטואציע אז ס'זאל אנהייבן גיין קולות וברקים, מענטשן זאלן שעלטן און זיך רעגן, אבער אנשי שלומינו האבן זיך נישט פארלוירן, אפילו נאכן זיין אין וועג איבער דרייסיג שעה. מ'האט געקענט הערן מענטשן זיך אויסדרוקן ס'איז נאך מיט גרויס חסדים און ס'קומט זיכער א גוטע יאר דאס איז געווען פאר מיר זייער א וואונדערליכע סצענע.

### מרדכי היימליך

דאס יאר האב איך געהאט א אינטערעסאנטע מניעה, איך בין ארויסגעפארן קיין נוארק עירפארט פארקן מיין קאר און דערנאך גענומען א טעקסי קיין קענעדי עירפארט ווייל די וועג ארויס איז מען געפארן פון קענעדי אבער צוריק איז מען געקומען קיין נוארק עירפארט.

איך בין ארויסגעפארן פון שטוב צוויי שעה פאר די באס מיט די חשבון אז ס'איז איבערגענוג פרי ס'איז אויסגעקומען בערך זיבן אהאלב שעה פאר די פלייט.

למעשה אבער האב איך געזען אז ווען ס'שוין געווארן צוויי שעה פאר די פלייט בין איך נאכאלץ געזעסן אין טרעפיק, איך האב געשפירט אז דאס איז עס איך וועל שוין זיכער נישט כאפן די פלייט, דעמאלט האב איך זיך אינגאנצן איבערגעגעבן צום אייבערשטן און זיך געבעטן ביים אייבערשטן אז איך זאל קענען כאפן די פלייט און קענען זיין ראש השנה אין אומאן. למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן און מיט גרויס ניסים האב איך געכאפט דעם פלייט און זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן, טאקע נישט גרינגערהייט, אבער די שוועריקייטן צאלט זיך אויס.

### אליעזר דייטש

שכח אייבערשטער אז דאס יאר גראדע איז די וועג געפארן גאנץ רואיג, און חוץ פון קאפ וויי און אלע אנדערע אומבאקוועמלעכקייטן וואס קומט מיט מיט אזא נסיעה איז אלעס געפארן געשמירט.

אבער פאריאר געדענק איך יא אז ס'איז געווען גאר שטארקע מניעות, איך בין געפארן אויף א פלייט וואס האט געהאט אסאך מענטשן וואס האבן געדארפט כאפן נאכדעם א קאנעקטינג פלייט און געוויסע וואס זענען געגאנגען מיט א באס.



למעשה האט מען מיך געזאגט אז איך דארף גיין מיט די קאנעקטינג פלייט און נישט מיט די באס, בין איך געבליבן דארט אין עירפארט ווארטן מיט די עולם, למעשה ווען ס'איז געקומען די צייט צו באורדן דעם נעקסטן פלייט האב זיי נישט געקענט טרעפן מיין נאמען, זעט זיך אויס אז ס'האט פאסירט עפעס א טעות עס האט אויסגעקוקט ווי איך גיי בלייבן שטעקן און איך וועל חס ושלום נישט קענען זיין אין אומאן, איך האב שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל יא האבן א וועג צו קענען אנקומען צום רבי'ן, און שכח אייבערשטער אז איך האב ברוך השם זוכה געווען צו קענען אנקומען אויף אומאן.

**יעקב שאול פיש**

די מניעות האבן זיך שוין אנגעהויבן גראד ביים ארויסגיין פון שטוב. איך האב געהאט אפגעשמועסט מיט איינעם אז מיר וועלן ארויסגיין זעקס אזייגער, למעשה איז יענער פארנומען געווארן און ערשט געווארן גרייט א שעה שפעטער, די פלייט איז געווען צען אזייגער.



זיבן אזייגער איז שוין געווען זייער קנאפ ארויסצופארן און גראד ביים ארויספארן האט זיך אראפ געלאזט גאר א שטארקע שלאקס רעגן אבער נישט קיין פשוטע שלאקס רעגן נאר עפעס וואס מ'זעט נישט סתם, אזש איך האב אפילו נישט געקענט ארויסטראגן מיין רענצל פון שטוב. ווען איך האב געזען די וועטער איז געשטאנען אז די גאס רעגן דארף נאך אנהאלטן א גוטע שעה אהאלב, ביי דעם פונקט האט שוין ממש אויסגעקוקט ווי מיר גייען פארפאסן דעם פליגער ווייל אין אזא מבול איז כמעט נישט מעגליך צו קענען דרייוון בכלל.

איך האב זיך שטארק ציוויינט צום אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען זיין אין אומאן אויף ראש השנה און טאקע דעמאלט האט זיך די רעגן בארואיגט, שכח אייבערשטער אז מיר האבן געבראכן די מניעה און געקענט אנקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

**אשר לעמל זוסמאן**

דאס יאר האב איך געהאט אן אייגנארטיגע מניעה, מיין טעלעפאן וואס איך פארמאג יעצט איז שוין היפש אן אלטער טעלעפאן און די בעטערי איז מער ווייניגער אפגענוצט, במילא דארף איך עס אלץ האלטן אינעם טשארדשער, סתם אזוי האב איך נישט קיין פראבלעם מיט דעם ווייל סיי אין אפיס און סיי אין קאר האלט איך מיין טעלעפאן אלץ אריינגעפלאגט אינעם טשארדשער, אבער יעצט אז מ'גייט פארן אויף אזא לאנגע נסיעה וועל איך עס נישט קענען האלטן אריינגעפלאגט די גאנצע צייט.

איך האב שוין פאר א צייט צוריק געקויפט א נייע טעלעפאן אבער איך בין נאכנישט אנגעקומען עס צו קענען אויפסעטן מיט א פילטער, יעצט אבער האב איך געהאט א שטארקע שטופ עס יא צו נוצן אזוי, נאר פאר די וועג. למעשה שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען ברעכן די שוועריקייטן און איך האב זיך מסדר געווען מיט עטליכע בעטערי פעקס אזוי אז איך האב נישט גענוצט א נישט כשר'ע טעלעפאן.

**יוסף הכהן פריעדמאן**

ס'איז מיר זייער שווער זיך צו מצמצם זיין אויף איין געוויסע מניעה ווען אלעס האט למעשה געקלאפט אבער

די גאנצע נסיעה איז געווען זייער א שווערע, ס'האט געקאסט גאר אסאך כוחות הגוף והנפש. די גאנצע שלעפ די גאר לאנגע נסיעה מיט שלאפלאזע נעכט, זיך געשלעפט איבער עטליכע מדינות אויף באסעס, באנען, עראפלאנען. ס'איז זייער שווער געווען, אבער שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו ברעכן אלע מניעות און זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה.

### יוסף פרערויא

אנגעהויבן האבן זיך מניעות ווען מיין טאטעס רענצל איז נישט נישט אנגעקומען קיין אונגארן אויפן וועג אהין, און די לופטליניע האט עס נאכגעשיקט מיט די נעקסטע פלייט וואס איז ערשט געפלויגן מיט זעקס שעה שפעטער. האבן מיר זיך געמוזט אויפהאלטן פאר זעקס שעה אין בודאפעסט צו ווארטן פאר די נעקסטע פלייט צו קענען אויפפיקן דעם רענצל.

ווען איך בין אנגעקומען צוריק אין עירפארט זעקס שעה שפעטער זעמיר געוואויר געווארן אז יענער פלייט האט געהאט א שעה אהאלב דילעי!

איינמאל מיר האבן שוין געהאט דעם רענצל זעמיר געלאפן מיט די נשמה אין די הענט צום טרעין און מיר האבן עס קוים קוים געמאכט, מיר זענען אנגעקומען קארגע פופצן מינוט פאר די טרעין האט געדארפט ארויספארן.

צו אונזער מזל האט די טרעין נאכדעם געהאט א דריי שעה דילעי. שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה געווען צו ברעכן אלע מניעות און זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה.

### מנחם שטיינבערג

שכח אייבערשטער אז דאס יאר האב איך נישט געשפירט עפעס אויסטערלישע מניעות אויפן וועג צום רבי'ן אלעס איז מער וויינינגער געפארן געשמירט און צום פלאן. אבער אויפן וועג אהיים האב איך געשפירט שטארקע מניעות, די וועג אהיים איז מיר גאר שווער אנגעקומען, יעדע שטאפל פונעם וועג האט זיך געשפירט ווי א פרישע שטרויכלונג, אבער שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין אין אומאן אויף ראש השנה וואס אויף דעם האט דער רבי געזאגט קיין גרעסערס פון דעם



איז נישט פארהאן.

### אייזיק ראטה

די ערשטע מניעה איז געווען אז דאס יאר איז געווען דער ערשטער יאר וואס איך בין געקומען מיט א קינד שכח אייבערשטער. איך בין אביסל פארלוירן געווען פאר די נסיעה וואס טוט מען דא? ווי אזוי וועל איך זיך אן עצה געבן? וועלכע ארטס און קרעפטס קויף איך דא פאר אזא לאנגע נסיעה? ווי אזוי וועל איך אים לייגן שלאפן? און אזוי ווייטער.

נאכדעם האב איך געהאט נאך א מניעה אז אזוי ווי מיין פרנסה איז זייער שטארק אויסגעשטעלט אויף גאר פערזענליכע קאסטעמער סערוויס און דא פָאר איך זיך אוועק אינעם ברען פונעם סעזאן פאר א וואך צייט דאס איז זייער א שווערע זאך געווען פאר מיר, איך האב נישט געוויסט ווי אזוי מיינע קליענטן וועלן עס אננעמען.

למעשה ווען איך האב מודיע געווען פאר מיינע קליענטן אז גיי פארן צום הייליגן רבי'ן פאר ראש השנה און מ'וועט נישט קענען געהעריג צוקומען צו מיר פאר א וואך צייט האבן זיי דאס זייער געשעצט און מיר גאר געבעטן אז איך זאל זיי אינזין האבן ביים רבי'ן!

שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען זיין ראש השנה אין אומאן ביים רבי'ן.

### משה אהרן גינזבערג

א וואך פאר מיר האבן זיך געדארפט ארויסלאזן אין וועג

צום רבי'ן אויף ראש השנה האט מען אריינגעפירט מיין טאטן אין שפיטאל, איך האב ממש געשפירט ווי דאס איז א מניעה פאר מיר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין טאטע זאל האבן א רפואה שלימה און איך זאל קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מ'האט באפרייט מיין טאטע פון שפיטאל צוויי טעג פאר די גרויסע נסיעה, אזוי אז איך האב זוכה געווען צו קענען פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

### הרוצה בעילום שמו

דאס יאר האב איך געהאט זייער א גרויסע מניעה, ווייל איך בין שוין ברוך השם מקורב צום רבי'ן א לאנגע צייט און ווען ס'קומט צו פארן צום הייליגן רבי'ן ברענט עס אין מיר און איך פאר מיט אזא חשק.

אבער מיין זון איז שוין אויפגעוואקסן דא אין היכל הקודש און ער האט נישט קיין געדולד צו קומען אויף אומאן, ער פארמאגט שוין נישט דער חשק און ברען וואס איך האב, אבער עם כל זה האבן מיר ביידע זוכה געווען צו קענען ברעכן די מניעות און זיין אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אשרינו!

### יעקב האלצער

די וועג אהיים איז דאס יאר געווען אויסטערליש שווער, אונז האבן געהאלטן נאכן ווארטן זעקס שעה ביים



פוילישן גרעניץ און דערנאך פיר שעה דילעי ביים ארויספליען, און ווען איך האב זיך שוין ענדליך געזען אין מיין קאר אויפן וועג אהיים פונעם עירפארט האב איך געכאפט א פלעט טייער אויפן טראוועי.

שכח אייבערשטער מיר האבן זיך נישט פארלוירן נאר געבליבן שטארק פרייליך אז מיר האבן זוכה געווען צו זיין ביים רבי'ן ראש השנה אין אומאן וואס דאס איז גרעסער פון אלעס.

### העניך אינדיג

מיין עיקר מניעה דאס יאר איז געווען די גאנצע נסיעה בכלל. איך בין סתם אזוי נישט קיין מענטש וואס האט ליב צו פארן, ספעציעל ווען ס'קומט צו אזעלכע לאנגע און קאמפליצירטע נסיעות וואס מיר זענען נארוואס אדורך.

איך האב שוין פאר וואכן לאנג שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל זוכה זיין צו קענען ברעכן די מניעות און יא פארן צום רבי'ן. שכח אייבערשטער אז איך האב טאקע זוכה געווען צו קענען זיין דאס יאר אין אומאן אויף ראש השנה ביים רבי'ן.

### שבתי דוד מארקוס

דאס יאר איז די שווערסטע זאך געווען אז איך האב בשעטומ"צ געווארט א שמחה. מיר זענען אריין אין שפיטאל א וואך פאר די נסיעה אבער מ'האט אונז אהיימגעשיקט. למעשה ווען ס'איז שוין געקומען די צייט צו פארן האבן מיר נישט געוויסט וואס צו טון, איך האב זייער נישט געהאט קיין חשק צו לאזן מיין ווייב אליין.

שכח אייבערשטער אז מיין ווייב האט מיר געזאגט אז איך זאל זיך נישט זארגן פאר איר נאר כאפן א רענצל און פליען צום רבי'ן זיך אויסבעטן א זיס יאר. פאר מיר איז דאס זייער זייער שווער אנגעקומען אבער שכח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו קענען ברעכן די שווערע מניעה און זיך ארויסלאזן אויף דעם לאנגן וועג. און טאקע אינמיטן וועג איז אנגעקומען די בשורה טובה אז מיר האבן געבוירן א מיידעלע אין א מזל'דיגע שעה.

# פריילעכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב בלעטל




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

**718·387·2691**

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

# א מעשה פון א צדיק



## זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן פוּן בִּזְיוֹנוֹת

אִין דִי צַייטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט בַּיי יֶעדְן אַז עֶר פַאסְט פוּן אֵיין שַׁבָּת צוּם צְוֵוייטְן.

עֶר פְלֶעגְט זִיצְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג מִיט אַ גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה.

אֵיינְמָאל אִינְמִיטְן דִי וָואךְ וֶוען עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַ שְׁטַארְקֶע הוּנְגֶער, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט כִּמְעַט אוֹיס פוּן הוּנְגֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן.



עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן אַז עֶר מוּז זָאפָארְט אוֹיסְפַאסְטְן אוּן גֵיין עֶפֶּעס עֶסְן כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין רַחֲמָנָא לִצְלָן, אָבֶער פוּן גְרוֹיס שְׁוַואכְקֵייט פוּנֶעם פַאסְטְן הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קַיין כֹּחַ צוּ גֵיין בִּיז זַיין הוֹיז אוֹיסְפַאסְטְן, וָואס טוּט מֶען דָא?

אַזוֹי טְרַאכְטְנְדִיג וָואס צוּ טוּן הָאט עֶר זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז דָא אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לִיגְט דָאךְ דִי מַצָּה פוּנֶעם עֵירוּב, עֶר אִיז שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען זִיךְ וַואשְׁן נְטִילַת יָדַיִם, עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ בִּרְכַּת הַמּוֹצִיא אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן דִי מַצָּה.

אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דֶער שַׁמָּשׁ פוּן שׁוּל גֶעוֶוען אוֹיבְן אִין וַוייבֶּער שׁוּל, אוּן עֶר זֶעט וִוי נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייגִיגֶער דֶער צַדִיק עֶסְט פוּן דִי עֵירוּב מַצָּה, הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים "בִּיסְט אַ פָאפֶּער, בִּיסְט אַ פָאפֶּער". עֶר הָאט פַארְשְׁפְּרֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַ פָאפֶּער אוּן בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צַדִיק.

עֶר הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, בִּיז דֶער צַדִיק הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק, אוּן עֶר אִיז לֵיידֶער גֶעפַאלְן פוּן זַיינֶע הוֹיכֶע מַדְרֵגוֹת.

וֶוען מֶען הָאט פַארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וֶוען עֶר זָאל הָאבְּן אוּנְזֶערֶע דִבּוּרִים, אוּנְזֶערֶע שְׁמוּעֶסְן אוּן אוּנְזֶערֶע הִתְחַזְּקוּת וָואלְט עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעפַאלְן, נָאר אַדְרַבָּה דַוְקָא יֶעצְט וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט פַארְשֶׁעמְט אִים וָואלְט עֶר גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת אַן קַיין שׁוּם פְּנִיּוֹת".

(ספר אילן החיים אות קג)



# דעם הייליגן רבינ׳ס

# לעבנסגעשיכטע



| פארזעצונג |

## - מ"ח -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אַלְס אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מוֹפֵת אוּן אַ מַמְתִּיק דִינִים. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט פַּארְ'ן שְׁלָאפְן אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִפְטָר גֶעוָוארְן פוּן זַיינֶע קְרוֹבִים אָדֶער וָואס זֶענֶען פוּן זַיין שׁוֹרֶשׁ. אַזוֹי וִוי סְ'אִיז בַּאקַאנְט אַז אֵיידֶער אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט זֶעט עֶר דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ פַּארְ'ן שְׁלָאפְן, וָואס אִיז אַ זֶעכְצִיגְסְטֶל פוּן טוֹיט, זֶעט אוֹיךְ יֶעדֶער דִי אַלֶע נְשָׁמוֹת. נָאר דִי נְשָׁמוֹת פְלִיעֶן דוּרְךְ אַזוֹי שְׁנֶעל פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאמֶערְקְט עֶס אֲפִילוּ נִישְׁט.

* * *

אִין יֶענֶע צַייט אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אַ אִינְגֶערְמַאן מִיטְ'ן נָאמֶען ר' אַהֲרֹן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶער חִידוּשׁ, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ לַמְדָן. [עֶר אִיז שְׁפֶּעטֶער גֶעוָוארְן דֶער רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב].

וִוי אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן? עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מוּמֶע, זַיין מַאמֶע'ס שְׁוֶועסְטֶער, וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט מִיט אִיר מַאן אִין שְׁטָאט מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע נֶעבְּן רֶבִּי'ן, אוּן דִי מוּמֶע הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע אֱמוּנַת חֲכָמִים אִין רֶבִּי'ן.

אֵיינְמָאל הָאט זִי גֶעמַאכְט אַ שִׂמְחָה, זִי הָאט גֶערוּפְן אִיר מִשְׁפָּחָה צוּ דִי שִׂמְחָה, אוּן זִי הָאט אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט רוּפְן אִיר פְּלוּמֶענִיק ר' אַהֲרֹן. הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעמָאלְט, "אוֹיבּ דַיין פְּלוּמֶענִיק וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר, שִׁיק אִים גְלַייךְ צוּ מִיר". אוּן אַזוֹי הָאט זִי טַאקֶע גֶעטוּן, גְלַייךְ וֶוען ר' אַהֲרֹן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען, הָאט זִי אִים גֶעשִׁיקְט צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין, עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר אִיז קוֹים דֶעמָאלְט אָנְקוּמֶען פוּן אַ שְׁוֶוערֶע קַאלְטֶע שְׁנֵייאִיגֶע וֶועג, עֶר הָאט זִיךְ קוֹדֶם גֶעוָואלְט דֶערְוַוארֶעמֶען אוּן קוּמֶען צוּ זִיךְ. זִי הָאט אִים אָבֶּער נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, זִי הָאט זִיךְ גֶע'עֲקְשְׁנְ'ט אוּן אִים גֶעזָאגְט, "דוּ מוּזְט שׁוֹין גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, עֶר וִויל דִיךְ זֶען". אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמוּזְט גְלַייךְ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר נָאךְ אָנְגֶעהַאט דֶעם שְׁוֶוערְן וִוינְטֶערְדִיגְן מַאנְטְל, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר קַאלְט פוּן דִי וֶועג. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן שָׁלוֹם אוּן אִים גֶעזָאגְט, "עֶס אִיז דִיר קַאלְט? בַּיי מִיר וֶועסְטוּ זִיךְ אָנְוַוארֶעמֶען".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים מִיט חָכְמָה, בִּיז ר' אַהֲרֹן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל מִתְוַודֶה גֶעוֶוען אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַּארְ'ן רֶבִּי'ן. דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעצוֹיגְן צוּם רֶבִּי'ן. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיי זַיין מוּמֶע פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, צוּ קֶענֶען זַיין נָאנְט צוּם רֶבִּי'ן.

דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער רֶבִּי אִיז אַמָאל גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה צוּזַאמֶען מִיט ר' אַהֲרֹן. אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "הָאסְט זִיךְ שַׁיין גֶע'טוֹבְלְ'ט; וֶוען דוּ וֶועסְט אָבֶּער זַיין מְקוּרָב צוּ מִיר, וֶועסְטוּ זִיךְ שֶׁענֶער קֶענֶען טוֹבְלְ'ן".

דֶער רֶבִּי הָאט תּוֹפֵס גֶעוֶוען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ דִי עֲבוֹדָה מִיט דִי שֵׁמוֹת אוּן יִחוּדִים וָואס ר' אַהֲרֹן הָאט אִינְזִין גֶעהַאט אִין מִקְוֶה, אוּן אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זַיין מְקוּרָב צוּם אִים, וֶועט עֶר קֶענֶען זִיךְ נָאךְ שֶׁענֶער טוֹבְלְ'ן.



דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. אֵיינְמָאל הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אוּן דֶערְפַאר וִוינְטְשׁ אִיךְ דִיר אַז זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט צוּ פַארְשְׁטֵיין מַיינֶע שִׂיחוֹת חוּלִין".

אוֹיךְ אִיז ר' חַייקְל חַזָן דֶעמָאלְט נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט אוּן גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט דִי כֹּחַ הַנְגִינָה פוּן אִיר שׁוֹרֶשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן מַמָשׁ וִוי אַ שְׁטוּבּ מֶענְטְשׁ בַּיים רֶבִּי'ן, עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זִיךְ דְרֵייעֶן בַּיים רֶבִּי'ן. אוֹיךְ זַיין בְּרוּדֶער, ר' יִצְחָק, אִיז דֶעמָאלְט נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶערְצֵיילְן אַז אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן וואוֹינֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' חַייקְל, "קוּם מִיט מִיר, לָאז אָפּ אַלֶע דַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן אוּן בְּלַייבּ נָאר אַ חַזָן, אוּן פוּן דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין אַ חִידוּשׁ אִין מַיין זַאךְ, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זַיין אַ חִידוּשׁ אִין דַיין זַאךְ". ר' חַייקְל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט, אָבֶּער נָאךְ דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זֵייעֶר חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן. פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר מִיטְ'ן רֶבִּי'ן כֹּחַ גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אַ גְרוֹיסֶער עוֹבֵד ה', אַ בַּעַל הַשָּׂגָה, אוּן אַ בַּעַל מוֹפֵת.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

מיט א טיפערן בליק

# פארלוירן?!



ישראל דוד העסקא

**דער** צדיק הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל מיט א שמייכל און זאגט "שכח אייבערשטער אלעס ביזטו!" בשעת ער זעט ווי זיין פארמעגן ווערט צוגענומען און מענטשן שרייען אויף אים "וואס האסטו געטראכט? מ'האט דיר דאך געווארנט! האסט געמוזט זיין קלוגער? באמת?" אבער דער צדיק פארלירט זיך נישט און זאגט נאר שכח אייבערשטער מיט א שמייכל נאכאמאל און נאכאמאל.

******

איך זיץ דא אויפן באס, ס'איז ביטערלעך הייס, שוין נאכן שמירן דעם דרייווער און שרייען 'עיר קאנדישן פליז...' 'מעיק קאלד פליז' קוקט דער גוי ווייטער ווי די האן אין בני אדם אויף אונז, ווישט אריין די פאר טאָללער שוחד אין טאש און דא ענדיגט זיך די מעשה.

צושטויסן און צושטרויבלט, צופליקט און צוקנייטשט זיצן מיר דא ביים פוילישן גרעניץ און מ'ווארט - - און מ'ווארט. איינער איז א טראפקעלע נערוועז, וואס וועט דא זיין? כ'אגעמיינט די עסקנים קענען... נעקסטע יאר טרעף איך מיר א נייע וועג וואס טויג עס מיר... די אנדערע חברה זענען שוין לאנג אריבער נאר אונז שטייען דא, פונקט מיר.




אנדערע באטעמטע אינגעלייט שטייען און קראכן דשואקס, איינס פון יעדער פינף איז האלב צום זאך און די איבערמידע לאכן... און וואס וועט זיין? אויב גייט מען יעדן באס אזוי אויפהאלטן זען מיר דערנאך נישט קיין שום וועג מ'זאל עס נאך קענען מאכן... באלד גייסטו זען די עסקנים גייען טרייבן פונקט ווען אונז גייען דארפן עפעס עסן, יא יא איך קען שוין די מעשיות, זיי טויגן אויף גארנישט!

אזוי אין דעם צוטומלונג קלער איך לאמיך זיך אראפזעסן אפאר מינוט און שרייבן אביסל פארן בלעטל.

אבער וואו הייב איך אן? זאל איך נאכאמאל באשרייבן די גאנצע יו"ט? איך וועל קיינמאל נישט ענדיגן... אזא דערהויבענע יו"ט איך קען עס נישט מצמצם זיין אין אפאר ווערטער. פון דער אנדערע זייט איז די גאנצע יו"ט געווען אזעלכע שיינע זאכן פון אנשי שלומינו



וואס יעדער איינער פארדינט זיך אן ארטיקל פאר זיך.

אויף אזוי ווייט אז גאנץ יו"ט זענען מענטשן צוגעקומען צו מיר ווייזן זעסט יענעם דארט ווי ער זיצט טיף אינמיטן נאכט און איז מחי' מיט זיין משניות'ל און לעבט א חיים טובים, דאס דארפסטו באשרייבן!

יעדער ווייזט מיך זיין זאך דאס דארף ווען ווערן באשריבן, יענץ דארף ווערן באשריבן, און ס'דארף טאקע ווערן באשריבן. אזא אויסטערלישע יו"ט אנגעזאפט מיט לימודים מיט מעשיות מיט פעסטע שיחות חברים, אפילו איך וויל קען איך זיך נישט מצמצם זיין עס צו באשרייבן אין די יעצטיגע מצב....

אבער לאמיר כאטש שרייבן וואס פאסירט יעצט.

ווי ס'שטעלט זיך ארויס איז דא א געזעץ ביי דער פוילישע גרעניץ אז מ'מעג נאר דורכטראגן פערציג ציגערעטלעך וואס קומט אויס צו צוויי פושקעס.

למעשה האט מען נאר אויסגעפונען פונעם געזעץ נאך יו"ט און ס'איז געווען א גרויסע שאדן פאר אלע וואס האבן זיך איינגעהאנדלט ביליגע ציגרעטלעך אין אוקראינע.

איז געווען א אינגערמאן א תלמוד היכל הקודש, נישט קיין רב, נישט קיין דיין, נישט קיין כולל אינגערמאן, א פשוטער ארבייטער קלאס אינגערמאן וואס האט זיך איינגעהאנדלט עטליכע דרייסיג קארטאנס פון ציגרעטלעך נישט וויסנדיג בכלל אז ס'איז א פראבלעם, און הערנדיג פונעם געזעץ איז ער זייער דערשראקן געווארן ער האט זיך דא איינגעהאנדלט ציגרעטלעך אין ווערד פון עטליכע אלפים, ער קען עס נישט סתם געבן א ווארף אוועק יעצט, האט ער מחליט געווען אז ער נעמט עס מיט און מ'וועט שוין זען ס'וועט שוין זיין גוט...

די באסעס שלענגלען זיך אויף די צוהאקטע צוזעצטע אוקראינישע גאסן, שטעגעלעך און וועגעלעך און ער האלט אין איין שעפשן תפילות אז אלעס זאל אריבערגיין בשלום ער זאל נישט האבן א ריזיגע שאדן.

די עסקנים מיט די געלע וועסטלעך גייען נאכאמאל ארום אנווארענען דעם עולם אז ס'איז גארנישט קיין וויצן די גרעניץ באאמטע זענען געפערלעכע רשעים, ס'דא וואס ווייסן נאכצודערציילן גאר שרעקעדיגע מעשיות וואס איינער האט קלאר נאכגעזאגט וואס האט זיך אפגעטון ביים גרעניץ פאראיאר, ס'איז גארנישט קיין דשאוק יעדער איינער קען ביטער ליידן וועגן איין יחיד.

דערנאך האט מען געזאגט אז נישט נאר וועלן די פוילישע גרעניץ באאמטע אויפהאלטן דעם גאנצן באס פאר לאנגע שעות און געבן שווערע קנסות, נאר זיי וועלן גאר צוריק שיקן דעם גאנצן באס מיט אלע פאסאזשירן צוריק קיין אוקראינע, און מ'וועט דארפן פון פריש זיך שטעלן ווארטן אין די שורה אריבערצוגיין די גרעניץ.

יעדער איז געווארן גוט נערוועז און אביסל אנגעצויגן, מ'זיצט שוין שעות אריכות אויפן באס קיינער וויל נישט זיצן קיין איבריגע סעקונדע אויפן וועג, די וואס האבן געהאט אייניגע קארטאנס האבן עס אויסגעשפרייט צווישן מענטשן וואס האבן מילא נישט געהאט. אבער דא זיצט דער איד מיט א רענצלעלע אנגעפילט מיט דרייסיג קארטאנס וואס טוט מען דא?

די באס דערנענטערט זיך שוין צום גרעניץ, די מצב ווערט מער און מער אנגעצויגן וואס וועט דא זיין? מ'גייט שוין אדורך די אוקראינישע זייט גרעניץ און מ'שטעלט זיך ווארטן ביים פוילישן גרעניץ.






די שורה איז געווען גאנץ א לאנגע און האט זיך גערוקט גאר צושטייטלעך, דער דרייווער פונעם באס האט געעפנט דעם טיר און געלאזט די עולם אראפגיין זיך אביסל אויסליפטערן און אויסציען די ביינער.

שטייענדיג אינדרויסן פונעם באס איבערמיד און צוקנייטשט פונעם וועג, טוט זיך קופקעס גג על גג מ'טוט דורך גאר שווערע נושאים. עטליכע מענטשן דרייען זיך ארום און כאפן אפ דעם אויסטערלישן בילד ווי אזוי אנשי שלומינו היכל הקודש ניצן אויס יעדער ליידיגע סעקונדע אריינצוכאפן שיעורים כסדרן אפילו אונטער די שווערע אומשטענדן פון זיין צוטומלט און נישט שלאפן געהעריג און זיין אויסגעמאטערט פון טולטול הדרך.

אויף די זייט פון די ראוד איז געווען א פלאץ וואו מענטשן האבן געקענט דורך שפאצירן דעם גרעניץ. דארט איז אויך געווען אסאך אידן אויפן וועג צוריק פון זיין ראש השנה ביים רבי'ן, און עטליכע פון די אידן האבן אונז געווארנט אז זיי האבן טאקע פרובירט דורכצושמוגלען א קארטן ציגרעטלעך און יעצט דארפן זיי צוריק גיין קיין אוקראינע און ארויסווארפן די ציגרעטלעך דארט און זיך נאכאמאל שטעלן אין די לאנגע לאנגע שורה!

אגענטן פון פלען איט רייט האבן זיך גראד ארויסגעלאזט אנווארענען אז דאס איז גארנישט קיין וויץ, קיינער וויל נישט אז יעדער זאל ווערן אויפגעהאלטן וועגן זיי, זייט נישט קיין חכמים און ווארפט אלעס יעצט ארויס!

דער אינגערמאן זעט איין אז עס איז כלו כל הקיצין, נישט דא מער קיין ברירות, ער קען נישט אז יעדער איינער זאל ליידן וועגן אים, און די ציגרעטלעך גייען זיי סיי ווי כאפן. ער עפענט אונטן פונעם באס ער ציעט ארויס זיין רענצל מיט א שווער הארץ, ער שלעפט עס צו די גראז ביים זייט פונעם ראוד, ער עפנט דעם זיפער און מיט א צובראכן הארץ הייבט ער אן אויסליידיגן איין קארטן נאכן צווייטן אויף הפקר!

געוויסע וואס שטייען אין די זייט ווערן גערעגט אויף אים, וואס האסטו געטראכט? וואס האסטו געמיינט? מ'האט דאך געזאגט! ניין באמת! דרייסיג שטיק ווער קויפט בכלל אזוי פיל?! וואס די מעשה מיט דיר? זייער גוט ס'קומט זיך אים!



דער אינגערמאן שטייט שטיל ער דרייט זיך אויס כאפן א לעצטע בליק אויף די הויפן שווער אויסגעהארעוועטע געלט וואס ווערט אים יעצט פארטיליגט פאר די אויגן, און ער זעט ווי ס'שטייען בחורים און ווארפן אריבער זיינע ציגרעטלעך פאר אוקראינישע גוים וואס שפאצירן ביים אנדערע זייט גרעניץ, די דרייווער פון די באס ווערט א גוטער, כאפט אפאר קארטאנס און טיילט עס גערן אויס פאר אלע טראק דרייווערס וואס זיצן דארט אויפן ראוד.

שטייט דער אינגערמאן א פשוטער

מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ן
מו"ה יואל טייטלבוים הי"ן

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

חודש תשרי

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבי'נס מוסדות זאל אייךביישטיין צו האבן בני ברכה, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ן
מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ן



אינגערמאן און קוקט דאס אלעס צו און נעמט איין א טיפע אטעם, הייבט אויף זיינע אויגן צום הימל און זאגט "שכח אייבערשטער! הייליגער באשעפער אויב דאס ווילסטו יעצט פון מיר נעם איך עס אן איך ווייס אז ס'קומט פון דיר! איך האב נישט קיין טענות און קיין תרעומת!"

דאס איז געווען פאר מיר א באמבע! ער האט פארמאגט יעדע תירוץ אין די וועלט זיך צו פארלירן, צו שרייען, צו שעלטן, צו ווערן אויפגערעגט, צו האבן טענות, און נאך זיין גערעכט אויך. פון אלע זייטן כאפט ער, קיינער זאגט אים נישט ביסט א הירא, נאר גאר פארקערט. ער האט דא א ריזיגע שאדן, ס'ווערט אים פארטיליגט פאר די אויגן אזוי סאך געלט, און מ'שרייט נאך אויף אים, אבער ער שווייגט און שמייכלט און זאגט שכח אייבערשטער!

נאר דאס צו קענען מיטהאלטן האט זיך שוין אויסגעצאלט מיין גאנצע נסיעה! זען ווי אזוי ס'פירט זיך אויף א תלמיד היכל הקודש א פשוטער תלמיד היכל הקודש, נישט דער שיינער אידל דער מגיד שיעור מיטן מלמד, זען וואס מיינט לעבן מיטן באשעפער און זיך נישט פארלירן אפילו ווען ס'גייט איבער שווערע צייטן.

נאכן דאס מיטהאלטן איז מיר געווארן אסאך גרינגער צו פארשטיין דאס וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט אז ס'וועט קומען א צייט ווען א איש פשוט וועט זיין א חידוש פונקט ווי דעם בעל שם טוב!

ווי גליקליך און פרייליך דארפן מיר זיין אז מיר האבן זוכה געווען צו קענען זיין אין היכל הקודש צו קענען לעבן מיט די לימודים פון צדיקים וואס לייגן אין אונז אריין א ריינע אמונה, מיר באקומען דא ביים רבי'ן לימודים אין האנט ווי אזוי צו לעבן ווי א איד, און אייביג זיין דבוק אינעם באשעפער, זיך גארנישט פארלירן אפילו ווען ס'גייט איבער שווערע מצבים!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיעצ ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א
שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין
ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש
עצתו אמונה.
איך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.
רופט לייבי ראטה
347-578-4449

Electrolysis, Tinting, Waxing.

Coming down to your colony.
Conditions comply.

For appointment call
A. Appeldorfer
845-537-9681



# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

To send in an advertisement to the Kiryas Breslev phonebook please call/ text 845-513-9042 or send an email to kiryasbreslevphonebook@gmail.com

Deadline is Rosh Chodesh kislev
November 14

Full page........................................$500
1/2 page........................................$300
1/4 page........................................$200

## Office to rent

1 big office room available to rent on Rt 52 corner twin bridge.

Please call for details

347-932-4432



שיינע פריוואטע 1
בעדרום דירה אויף
האשקי צו פארדינגען
פאר א שבת, אדער
פאר א וואך.

צו באשטעלן רופט
אברהם הערש וועבערמאן
**845-492-0566**



ments טוט שוין אננעמען **Plan It Rite**




פאר ראש השנה הבא עלינו לטובה pay.

# אינטערוויוס

שמואל בער שניטצלער



# גרונדינג פון תלמוד תורה היכל הקודש ארה"ב

## א ערשטהאנטיגע שמועס מיט פיר פון די ערשטע תלמידים



״תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב״ איז שוין ברייט באקאנט איבער די גארער וועלט בכלל און אין היכל הקודש בפרט אלץ דער מוסד וואס מ׳האט אויפגעשטעלט נישט לאנג צוריק מיט מסירת נפש ממש, דמים תרתי משמע, צו קענען געבן די חינוך פאר אונזערע קינדער על דרך ישראל סבא אויף די וועג וואס מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

היינט צוטאגס לערנען שוין די הונדערטער תלמידים פון די ברסלב׳ע חדר אויסגעשפרייט אין זעקס לאקאציעס איבער די גארער וועלט, בארצות הברית איז שוין פארהאנען מוסדות אין וויליאמסבורג, קרית יואל און פארשטייט זיך דאהי אין קרית ברסלב ליבערטי, און ווייטער אין ארץ ישראל לערנען שוין אונזערע תלמידים, די תינוקות של בית רבן על טהרת הקודש אין ירושלים, טברי׳ און אינעם נארוואס געעפנטע תלמוד תורה בעיר התורה בני ברק.

אבער אז מ׳טראכט אריין א רגע וואלט געווען אינטערעסאנט אביסעלע אויפצומאכן דעם ספר הזכרונות און אריינבליקן אין די היסטאריע פונעם תלמוד תורה, האט די תלמוד תורה זיך אויך אנגעהויבן מיט הונדערטער קינדער איבער זעקס לאקאציעס?... ווארשיינליך אז נישט, וואלט געווען אינטערעסאנט זיך צו פארבינדן מיט די געציילטע נחשונים, די פאר עלטסטע תלמידים וואס זענען געווען ביים גרינדונג פונעם תלמוד תורה זיי זאלן דערציילן אביסל ווי אזוי ס׳האט אויסגעקוקט די בראשית יארן פונעם היינטיגן ברייט באקאנטן ״תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב״.

לכבוד יום טוב סוכות, זמן שמחתנו, האבן זיך אוועקגעזעצט מיט די פיר עלטסטע תלמידים פון די ברסלב׳ע חדר, און צוריק מישן דאס בלעטל מיט דרייצן יאר און הערן פון זיי אביסעלע מער וואס דא איז פארגעקומען, און אין אייניגעם מקיים זיין די שיחה וואס דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט: ״אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון״.

# שלום עליכם

**טייערע אידן, ווי באקאנט האבן ענק פיר געלערנט אין די ברסלב'ע חדר פון איר ערשטע טאג, איז לאמיר הערן, צום אלעם ערשט, ווען האט די ברסלב'ע חדר געעפנט איר טויערן, און ווי אלט ביסטו דעמאלטס געווען?**



**אברהם יושע:** איך הייס אברהם יושע וועבערמאן, בן ר' אהרן שליט"א, איך וואוין אין קרית ברסלב ליבערטי. די ברסלב'ע חדר האט זיך געעפנט אסרו חג פסח תש"ע לפ"ק, איך בין דעמאלטס געווען צוועלף יאר אלט, איך האב געלערנט אין כתה ח'.



**יוסף:** שלום וברכה, איך הייס ישראל יוסף שניטצלער, בן ר' משה ארי' שליט"א, היינט צו טאגס בין איך א מגיד שיעור אין ישיבה קטנה ד'קרית ברסלב. ווען די חדר האט זיך געעפנט בין איך אויך געווען אין כתה ח', צוועלף יאר אלט.



**לייבי:** איך הייס לייבי אפפעל, בן ר' אייזיק שליט"א, איך וואוין אין שטעטל, און ווען די חדר האט זיך געעפנט בין איך געווען ניין א האלב יאר, אין כתה ו'.



**שלמה:** איך הייס שלמה רוטה, בן הראש ישיבה שליט"א, איך לערן ברוך השם היינט צוטאגס אין כולל קרית ברסלב, דעמאלטס בין איך געווען אין כתה ב', זיבן יאר אלט.



עלטסטע קינדער

**ווי פארשטענדליך איז אריבערגיין פון א ריזיגע מוסד פון הונדערטער קינדער צו א פרישע מוסד פון ממש געציילטע קינדער נישט קיין קלייניגקייט, איז וויאזוי איז צוגעגאנגען די הכנות אריינצוגיין אין ברסלב'ע חדר?**

**יוסף:** אין יענע צייטן איז די בית המדרש היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג געווען אויף די בעדפארד גאס. איך געדענק ווי פסח תש"ע האט מען גערעדט אין בית המדרש אז נאך פסח עפנט זיך א ברסלב'ע חדר, ווי נאר איך האב דאס געהערט בין איך אויפגעשפרינגען, איך בין ממש געווען אין די הימלען... ווייל איך בין שוין געווען ערוואקסן און אין מיין אלטע חדר האב איך נישט געקענט לערנען דרך הלימוד, איך גיי זיין די חוזק... גלייך ווען איך האב דאס געהערט האב איך געטראכט: 'וואס? א

ברסלב'ע חדר? קומט אויס איך גיי קענען זאגן משניות אין גמרא אנדעם וואס איך זאל זיך דארפן שעמען פון איינעם?... הלוואי' קען איך דארט זיין!'

אינדערהיים האב איך און מיין ברודער הערשל געמוטשעט אונזער טאטע אז אונז ווילן זייער שטארק לערנען אין די נייע ברסלב'ע חדר, און מיין טאטע האט אונז געוואלט אנרייצן, להגדיל החשק פארשטייט זיך, האט ער אונז א גאנצן צייט געפרעגט: "ענק זענען זיכער ענק ווילן גיין אין די חדר? די נייע חדר גייט זיין א קליינע חדר, ס'גייט נישט האבן די אלע זאכן וואס ענק האבן אין ענקער יעצטיגע חדר... ענק זענען זיכער?" (מיין טאטע פלעגט עס אויך טון ביים דאווענען שבת, א יאר פארדעם איז די בית המדרש נאך געווען אויף דעוויזשען, און צו גיין צופיס פון ווי אונז האבן געוואוינט אויף מורטל ביז דעוויזשן האט געקענט נעמען א גוטע פערציג מינוט צו גיין מיט קינדער, און מיין טאטע פלעגט אונז יעדע וואך פרעגן: "ענק ווילן דאווענען דא אין א שול נעבן די הויז אדער ענק ווילן קומען צו ברסלב?..." און מיר האבן יעדע וואך געזאגט אז מיר ווילן גיין צו ברסלב...) מיר האבן זייער געמוטשעט מיין טאטע אז מיר ווילן אריינגיין אין ברסלב'ע חדר.

**לייבי:** דער בית המדרש היכל הקודש אויף בעדפארד האט געהאט א חברת תהלים יעדע וואך, אברהם יושע וועבערמאן האט עס אנגעפירט. אפאר וואכן פאר יענעם פסח קום איך אריין צו די חברת תהלים, און אלע קינדער זענען מיך באפאלן, און ווי א קווייער אויסגערופן: "האסט געהערט? ס'גייט זיך עפענען א ברסלב'ע חדר!..." דאס איז געווען מיין ברוך הבא, ס'עפנט זיך א ברסלב'ע חדר, אבער ס'האט נאך דעמאלטס אויסגעקוקט ווי א ווערטל... למעשה איז אריבער א וואך צוויי און מ'האט געשמועסט אז ס'איז אן ערנסטע פלאן, ווי נאר מיין טאטע האט מיך געזאגט אז ס'איז טאקע אמת בין איך אויפגעשפרינגען, איך

„אזא שאד, פארוואס פלעג איך נישט ווילן גיין אין חדר, ס'איז אזוי געשמאק צו גיין אין חדר"

בין געווארן זייער פרייליך, ווען ס'איז געקומען א טאג פאר פסח האב איך געזאגט פאר די קינדער פון מיין קלאס אז מארגן קום איך נישט צוריק, ענד די רעסט איז היסטערי.

**אברהם יושע:** איך בין אויך געוואויר געווארן אין בית המדרש אז ס'עפנט זיך א חדר, די אינגעלייט פון שול האבן געשמועסט אז אסרו חג פסח עפנט זיך אויף די חדר, און איך בין געווען זייער פרייליך אהין צו גיין לערנען, די טויש איז מיר בכלל נישט געווען שווער, ס'איז געווען אביסל אנדערש אבער איך האב עס זייער ליב געהאט.

**שלמה:** ווען די חדר האט זיך געעפנט בין איך געווען אסאך יונגער ווי די אנדערע ריזן דא, איך געדענק נישט די אלע זאכן וואס זיי געדענקען, איך בין געוואויר געווארן אז ס'איז דא א ברסלב'ע חדר ערשט ביים אריינשפאצירן אין די נייע חדר...

### וויאזוי איז צוגעגאנגען די ערשטע טאג אין די ברסלב'ע חדר?

**יוסף:** די סאמע ערשטע טאג ווען די "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב" האט געעפנט אירע טויערן איז מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו ארומגעפארן אפנעמען די קינדער זיי צו פירן אין חדר אריין מיט זיין לעגענדארער רויטע טיאטע סיענע (היינט צוטאגס באקאנט אלס די קאר פונעם מלמד מו"ה שמעון נייששטיין הי"ו) מ'האט אונז צוגעפירט צו א דירה אין וויליאמסבורג, 646 בראדוועי, די דירה האט פארמאגט א קאך, א דיינינג רום מיט דריי שטיבער, און די חדר האט מען צוטיילט אין דריי כיתות, איין כתה פון נורסערי ביז כתה א', די צווייטע כתה פון כתה ב' ביז כתה ה', און די דריטע כתה פון כתה ו' ביז כתה ח'. אין די חדר האבן געלערנט א סך הכל פון זיבעצן קינדער, און מיט די יארן איז שוין צוגעקומען נייע קינדער האט מען געעפנט



די שווארצע ווען

נאך כיתות, אבער דעמאלטס איז די תלמוד תורה באשטאנען פון דריי כיתות און זיבעצן קינדער.

**אברהם יושע:** ס'איז געווען זייער אן אינטרעסאנטע איבערלעבעניש, איך קום פון א ריזיגע תלמוד תורה פון טויזנטער קינדער און מיין טאטע טראגט מיך מיט זיין מיני ווען צו א נייע תלמוד תורה, איך האב זיך נישט געקענט פארשטעלן וויאזוי ס'קוקט אויס, למעשה קום איך אן אין א קליינע וויליאמסבורג'ע דירה, ויקרא שמו בישראל חדר... אבער נאך א שטיק צייט האב איך זיך צוגעוואוינט דערצו און איך האב עס זייער געגליכן דארט. עד היום הזה ליגט מיר נאך אין זכרון אן א שיעור זאכן וואס איך האב דארט קונה געווען.

**לייבי:** די ערשטע טאג וואס מ'איז געקומען אין חדר האב איך נאכנישט געכאפט אז ס'איז א חדר, נאכדערצו אז יעדער האט זיך געקענט פון שול שבת האט עס מער וויניגער אויסגעקוקט ווי אפאר חברים זענען זיך צאמגעקומען שפילן צוזאמען... אבער למעשה איז דורך אפאר טעג און מ'האט זיך אנגעהויבן צו צוגעוואוינען צו די טויש, און מ'האט אנגעהויבן שפירן אינגאנצן אנדער. למשל, אין די פאריגע חדר האב איך יעדן טאג געזיכט תירוצים פארוואס נישט צו גיין אין חדר, אזוי ווי יעדע קינד... און איך געדענק ביז היינט ווען איך האב אנגעהויבן טראכטן 'אזא שאד, פארוואס פלעג איך נישט ווילן גיין אין חדר, ס'איז אזוי געשמאק צו גיין אין חדר... איך האף איך גיי יעדן טאג פילן גוט און קענען גיין אין חדר'... אינדערפרי איז געווען א שמחה ארויפצוגיין אויפן באס, (נישט ממש, ווייל קיין באס האט נאכנישט עקזעסטירט, אבער דער געדאנק שבו...)

**שלמה:** איך געדענק נישט פונקטליך די אלע זאכן ווייל איך בין געווען אסאך אינגער, אבער איך געדענק אז מ'איז אנגעקומען מיט א ווען צו עפעס א הויז און

> ”אבער מיך האבן מיינע קאזינ'ס פשוט מקנא געווען אז איך גיי אין א נייע קליינע חדר ווי מ'קען טון וואס מ'וויל“



מרדכי אהרן ביי די ארבעט אין אפיס

איך האב געלערנט ביי מו"ה מרדכי אינדיג שליט"א מיט זעקס קינדער, פון דאס האט באשטאנען כתה ב' ג' ד' און ה'. און נאך א שטיק צייט האב איך אנגעהויבן כאפן אז דאס איז 'די חדר'.

**וואס האבן די ארומיגע געזאגט דערצו, ארויס פון א נארמאלע געסעטלטע מוסד צו א נייע קליינע ברסלב'ע אזוי גערופענע חדר?**

**אברהם יושע:** ווי נישט ווי בין איך געווען א אינגל האט מען מיך נישט ממש פארגעהאלטן, אבער מיין טאטע האט מען געהאלטן אין איין פארהאלטן איבער די שעדליכע שריט וואס ער האט געטון ארײנלייגנדיג זיינע קינדער אין ברסלב'ע חדר. איך געדענק איין מעשה, איך האב געהאט געלערנט אין א נייע חדר אין וויליאמסבורג וואס האט זיך געהאט געעפנט ממש אפאר יאר פריער, און ווען איך בין אריין אין ברסלב בין איך געווען די ערשטע אינגל וואס איז ארויס פון יענע חדר זייט די חדר שטייט, פאר זיי איז עס געווען גאר א שטארקע פאטש, דער מנהל פון יענע מוסד האט אנגערופן מיין טאטע און נישט אויפגעהערט צו באוויינען די גרויסע פארלוסט אז איך בין ארויס פון אזא נארמאלע חדר און אריין אין ב-ר-ס-ל-ב, ממש א שאד... מיין טאטע האט געהאט גענוג און נאך מעשיות פון פארשידנארטיגע גוטע אידן וואס מיינען פשוט מיין טובה וועגן... אבער ברוך השם ס'איז אריבער אפאר יאר און מ'האט אנגעהויבן זען די פירות, מער האט שוין נישט אויסגעפעלט.

**יוסף:** ביי לאנטש פלעגט מען גיין שפילן אין פארק, און צוויי גאסן ארויף איז געווען א ריזיגע חדר פון טויזנטער קינדער און זיי פלעגן אויך קומען שפילן דארטן, און נאך א שטיק צייט האבן די טויזנטער קינדער אנגעהויבן אונז נאכשרייען מיט פארשידענע אומאנגענעמע טיטלען אזש

פון דעמאלסט אן ווען מ'האט נארוואס געהערט נאכקלאנגען פון יענעם אלעמען באקאנטן מוסד האמיר זיך שיינערהייט ארויסגעזען פון פארק ווי אמשנעלסטנס.

**שלמה:** איך געדענק ווי איך האב דעמאלסט געטראפן די קינדער פון מיין אלטע חדר און זיי האבן מיך באנעבעכט וואספארא שאד אז איך בין ארויס פון זייער חדר, איך האב געהאט אזויפיל טיקעטס און יעצט קען איך גארנישט טון דערמיט, חבל על דאבדין ולא משתכחין...

**לייבי:** דאס דארפסטו פרעגן מיין טאטע, אים האט מען זיכער געצימבלט, אבער מיך האבן מיינע קאזינ'ס פשוט מקנא געווען אז איך גיי אין א נייע קליינע חדר ווי מ'קען טון וואס מ'וויל...

**דערציילט עפעס אינטערעסאנטע זכרונות וואס דו געדענקסט פון די בראשית יאר פון חדר.**

**לייבי:** איינע פון די גאר געשמאקע זכרונות געדענק איך פון יענע צייטן, די בנין וואו די חדר האט זיך געפינען איז געווען א גרויסע שיינע דאך אויבן פונעם בנין, א שיינע האלצערנע דאך מיט א צוים ווי מ'האט זיך געקענט אויסלופטערן, און יעדן טאג פון פיר ביז פינף אזייגער פלעגט די עלטסטע קלאס ארויפגיין אויפן דאך צוזאמען מיטן מלמד לערנען שיעורים כסדרן אויפן סדר דרך הלימוד, איך געדענק נאך ביז היינט ווי מ'פלעגט זיצן און האקן בלעטער גמרא איינס נאך צווייטן, צענדליגע סיומים זענען פארגעקומען אויף יענע דאך צווישן די פיר קינדער פון אונזער כתה, דאס איז געווען איינע פון מיינע אפהאלטונגען פון זיך צוריק בענקען צו מיין אלטע חדר.

**שלמה:** אין יענע חדר האט דער ראש ישיבה געשטעלט צוויי בחורים (שוין היינט טאטעס און באלד זיידעס) מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו און מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו זיי זאלן ארויסהעלפן אין חדר מיט סיי וואס מ'קען נאר (אגב, שרייבנדיג די שורות זענען זיי ביידע געטרייע חברי הנהלה אין קרית ברסלב ליבערטי ווי זיי העלפן ארויס דער ראש ישיבה אין אלע הינזיכטן בעסער צו מאכן דעם שטעטל צו דינען אלץ א שטאט פון תורה ויראת שמים), און ווען איך טראכט נאר צוריק פון די ערשטע יאר אין חדר קומט מיר ארויין אין זכרון ווי די צוויי בחורים האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ובנפש ארויסצוהעלפן די תלמוד תורה מיט וואס אימער מ'קען נאר, ר' מנחם פלעגט אפווארטן די קינדער אינדערפרי מיט א ברייטע שמייכל אויף זיין געזיכט און געשאנקען פאר יעדן קינד א ברייטהארציגע 'גוט מארגן', ער פלעגט סערווירן פרישטאג בייגעלייגט מיט זיינע העכסט דראמאטישע פארזעצונגען, ווי אויך איז געווען א מאטראץ דארטן ווי ער פלעגט שלאפן ווער ס'איז געווען וואויל האט געמעגט טאנצן אויף זיין מאטראץ... און אזוי אויך ר' מרדכי אהרן, ער איז דאכט זיך מיר געווען דער סגן מנהל, ער פלעגט מאכן די צעטלעך און דאס גלייכן, ער פלעגט אויסטיילן קוקי'ס מיט קאווע, זיי ביידע האבן געהאלטן אין איין ארויסהעלפן דער ראש ישיבה גרינגער מאכן מיט די נארוואס געעפנטע תלמוד תורה, די זכות וועט זיי אודאי ביישטיין לנצח נצחים.

> ”אנשטאט עס צו מאכן א חלק פון די סדר היום איז עס יעדן טאג געווען א באלוינונג פאר ווי שיין מ'האט געלערנט„



אין פארק

**אברהם יושע:** איינע פון די טאלאנטן פון די צוויי לאנטש רבי'ס, רבי שטיינבערג און רבי היילפרין איז געווען אז זיי האבן מורא'דיג גוט געקענט נעמען ממש א קליניגקייט און עס אויפבלאזן אלס די גרעסטע איבערראשונג. צום ביישפיל, ביי לאנטש פלעגט מען גיין שפילן אין פארק, און אנשטאט עס צו מאכן א חלק פון די סדר היום איז עס יעדן טאג געווען א באלוינונג פאר ווי שיין מ'האט געלערנט, מ'האט עס א נאמען געגעבן "די פראש פארק" (על שם ס'האט אזעלכע גרויסע גרינע פרעש באצירט אויף די צוים פונעם

פארק, אלס זכר איז דאס געבליבן די נאמען פון די פארק עד היום הזה) די גאנצע טאג האט זיך ארומגעדרייט לויט ווי שיין מ'גייט לערנען גייט מען קענען גיין צו די "פראש פארק". נאך א זאך דערמאן איך מיך יעצט, ס'איז געווען צייטן דעמאלסט בשנים קדמוניות ווען מ'האט אפילו נישט געקענט קויפן פרישע ברויט, די מוסד האט זיך אזוי געמוטשעט צו באצאלן די מלמדים אז ס'איז געווען טעג וואס מ'האט זיך פשוט נישט געקענט ערלויבן פרישע ברויט, פלעגן איינער פון די איינגעשטעלטע ברענגען פארפרוירענע ברויט פון זייער פריזער אינדערהיים, און אנשטאט זיי צווי' זאלן קרעכצן מיט די קינדער אז ס'איז נישטא קיין ברויט האבן זיי אויסגערופן אין לאנטש רום: "וויבאלד די קינדער האבן היינט געלערנט זייער פלייסיג גייט מען היינט האבן אייסעס ברויט!" און זיי האבן עס אזוי גוט געמאכט, עד כדי כך אז אונז האבן שוין ארויסגעקוקט דערויף יעדן טאג ווען גייט מען שוין נאכאמאל געבן אייסעס ברויט'...

**יוסף:** פון יענע צייטן איז דא אסאך צו דערציילן... איך געדענק ווי די ערשטע טאג פון חדר איז דער ראש ישיבה געקומען ביי לאנטש און גערעדט צו די קינדער, און דער ראש ישיבה האט גערעדט זאכן וואס איך האב נאכנישט געהאט געהערט אין מיין לעבן, היינט קען איך עס שוין ווייל איך האב עס שוין געהערט אזוי פיל מאל אבער דעמאלסט איז דא געווען נייע זאכן, דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער אז מ'קען בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך אויף אידיש און דער אייבערשטער געבט עס, דער ראש ישיבה האט מגלה געווען די קאנצעפט פון מעשיות פון תפלה, מיין קאפ האט זיך דעמאלסט געעפנט, 'וואו, ס'איז דא א נייע דערהער פון מעשיות פון תפלה', דאס איז געווען פאר מיר א גן עדן.

**דו האסט שוין געמאלסט געקענט זען אין דיין קאפ אז אין צען יאר ארום גייט די "תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב" זיין אזא אימפעריע מיט אפאר הונדערט קינדער?**

„

**דער ראש ישיבה האט גערעדט צו די קינדער אז מ'קען בעטן דעם אייבערשטן יעדע זאך אויף אידיש און דער אייבערשטער געבט עס**

"



אין א טאנץ מיט די קינדער

**אברהם יושע:** ניין, זיכער נישט. איך האב נישט גע'חלומ'ט אז ס'גייט זיך אזוי אויפבויען אין אזא שנעלע צייט אפשניט, ס'האט אויסגעקוקט ווי דאס איז עס, א חדר פון צוואנציג נפשות און שוין, אבער דער ראש ישיבה האט געהאט א ווייטע בליק און דער ראש ישיבה האט געזען וואס דא גייט זיך טון יארן שפעטער.

**לייבי:** איך האב געווארט דו זאלסט עס פרעגן... איך געדענק איינמאל ביי ריסעס האבן אונז געשמועסט מיט די לאנטש רבי ר' מנחם, און מנחם האט אונז דעמאלטס געזאגט: "לויטן חשבון גייט אין פינף יאר די מוסד האבן א חשבון פון צוויי הונדערט קינדער", אונז האבן אים געזאגט אז ס'קען נישט זיין, און מנחם האט אונז אויפגעוויזן וויאזוי ער האט עס אויסגערעכנט, יעצט איז דא זעכצן קינדער, ס'קומען צו כך וכך קינדער, קומט אויס אז אין פינף יאר ארום גייט די ברסלב'ע מוסד האבן א צאל פון צוויי הונדערט קינדער!" אונז האבן עס אנגעקוקט ווי א חלום... יעצט צען יאר שפעטער ווען מ'ליינט די בלעטל שטימט עס ווייל ס'איז שוין א מציאות, אבער דעמאלסט האט עס אויסגעקוקט ווי ער רעדט נישט צום זאך...

**יוסף:** איך האב גראדע געגליכן צו מאכן די חשבונות מיט ר' מנחם, אבער ס'האט נישט אויסגעקוקט ווי ס'גייט טאקע געשען מכח אל הפועל, פען און פעיפער האט עס געשטימט...

**שלמה:** איך האב נישט ארייגעטראכט דערין, איך בין געווען א זיבן יעריג קינד, וואס קען א זיבן יעריג קינד זען...

**צום שלום, וואס האסטו צו זאגן פאר די פרישע מקורבים וואס בענקען זיך צוריק צו ווען די חדר איז געווען קליין?**

**אברהם יושע:** די חדר איז טאקע געווען דעמאלטס זייער געשמאק, קליין און שיין, אבער וואס איז שייך זיך צוריק צו בענקען?... די מוסד מוז וואקסן, ס'האלט אין איין צוקומען פרישע משפחות וואס ווילן אריינשיקן די קינדער אין די מוסדות און די חדר מוז ווערן גרעסער. דער ראש ישיבה שטייט טאקע כסדר אויף די מלמדים אז זיי זאלן ווייטער אכטונג געבן אז די חדר זאל נישט ווערן א סיסטעמאטישע מוסד נאר מ'זאל זיך אומגיין מיט די קינדער מיט הארץ, און די עלטערן דארפן עס נאר עפרישיעיטן אזוי ווי די עלטערן דאמאלטס האבן זיך געפרייט אז ס'איז שוין ענדליך דא א מוסד וואו מ'וועט קענען געהעריג מחנך זיין די קינדער מיט'ן רבינ'ס לימודים אן דעם וואס זיי זאלן זיך דארפן שעמען פון זייערע חברים אין חדר, מער פון דעם האבן זיי שוין נישט געדארפט.

**יוסף:** שכח אייבערשטער איך האב די זכי' צו זיין מלמד אין תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב שוין פאר אכט יאר, כן ירבו, און איך קען זאגן אז איינע פון די וויכטיגסטע נקודות וואס דער ראש ישיבה פארלאנגט פון די סטעף אין די ברסלב'ע מוסד - סיי אין חדר און סיי אין סקול - אז מ'זאל זייער אכטונג געבן אז די חדר זאל נישט ווערן געפירט סיסטעמאטיש, מ'זאל זיך נישט אומגיין מיט די קינדער ווי מאשינען, יעצט דארף מען טון אזוי, יעצט דארף מען טון אזי, נאר מ'זאל זיך אפגעבן מיט זיי מיט הארץ און געפיל. איך דערמאן זיך יעצט, פאריאר ווינטער האב איך גערעדט צו דער ראש ישיבה בנוגע חדר, און דער ראש ישיבה האט מיך געזאגט: "ס'איז שוין טאקע נישט די קליינע היימישע חדר פון פופצן קינדער וואס ס'איז אמאל געווען, ס'איז שוין קע"ה א ריזיגע חדר פון הונדערטער קינדער, אבער מיט דעם אלעם דארפסטו זען ס'זאל נישט ווערן סיסטעמאטיש, ס'זאל בלייבן מיט הארץ און געפיל."

**"ס'איז שוין טאקע נישט די קליינע היימישע חדר פון פופצן קינדער וואס ס'איז אמאל געווען, ס'איז שוין קע"ה א ריזיגע חדר פון הונדערטער קינדער"**



אין פארק

**שלמה:** איך ווייס נישט פארוואס זיי בענקען זיך צוריק... דער ראש ישיבה זאגט אלץ אז בחורים זאגן אים: "אמאל פורים פלעגט זיין עכט לעבעדיג, מ'פלעגט זיין אזוי פרייליך, היינט פורים האט שוין נישט קיין טעם..." זאגט דער ראש ישיבה: "אמאל ביסטו געווען א אינגל, האסט נישט געהאט קיין דאגות, האסט געזען פורים לויפן ארום שיכורים, מ'טאנצט מיט לעבעדיגע מוזיק, ביסט געווארן פרייליך, היינט ביסטו שוין גרויס אבער דיין זון האלט יעצט אז די היינטיגע פורים איז עכט לעבעדיג"... די זעלבע זאך איז דא, איך טראכט צוריק פון די ערשטע יאר אין חדר, ס'האט אויסגעקוקט זייער געשמאק, אבער די קינדער היינט האלטן אויך אז די יעצטיגע חדר איז עכט געשמאק...

**לייבי:** ווען די חדר האט זיך געעפנט זענען אונז אלע אריינגעקומען אין א נייע פלאנעט, א חדר ווי מ'מעג אטעמען, מ'מעג רעדן צום אייבערשטן, מ'קען פארציילן מעשיות פון תפלה, מ'מעג זאגן משניות, אונז האבן שוין גארנישט געדארפט, און יעצט ברוך השם אונז אלע פיר וואס האבן געלערנט אין די חדר שיקן שוין יעצט אונזערע קינדער אין חדר, און ווען מיין זון פון דריי יאר קומט אהיים פארציילן זיין מעשיות פון תפלה, און יעדע זאך דרייט זיך ארום אייבערשטער, איז שוין נישטא פאר וואס זיך צוריק צו בענקען, די דיבורים זענען די זעלבע.

א גרויסן שכח פאר אלע פון ענק פארן אוועקגעבן פון ענקער טייערע צייט מיטצוטיילן מיט די חשוב'ע ליינער אביסל זכרונות פון די ערשטע ברסלב'ע חדר יארן, פארשטייט זיך מ'האט נאכנישט אנגעהויבן שרייבן, מ'קען שרייבן א בוך פון הונדערטער זייטן און נאכאלץ נישט נאכיאגן צו דערציילן וואס ס'איז דא צו דערציילן, ועוד חזון למועד.



# מעשיות פון תפילה

אסתר ליבערמאן
צפת

איך בין געווען ביי א ציין דאקטער וואס האט מיר ברוך השם פארראכטן די ציין.

אפאר שעה נאכדעם האט עס אנגעהויבן ווייטון, איך בין נישט געווען אין שטוב, און איך האב געדארפט טיילענול צו בארואיגן די יסורים, איך האב נישט געוויסט וואו איך קען עס האבן.

האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אויבערשטן אז איך זאל קענען האבן. למעשה בין איך אריין אין די נעקסטע געשעפט (נישט קיין פארמאסי) און די סטאר האט ברוך השם אויך פארקויפט טיילענול.

(המשך פון די מעשה ביים קומענדיגן קעסטל)

אסתר ליבערמאן
צפת

נאכדעם וואס די ווייטאגן האבן זיך בארואיגט, האב איך אנגעהויבן צו שפירן שטעכערייען פון די אייזנעס אין מויל. ס'איז דא פאר דעם א ספעציעלע סארט וואקס וואס מ'קען ארויפשמירן, אבער איך האב עס נישט געהאט. מיין מאן האט זיך ארום געדרייט אין גאנץ ירושלים צו טרעפן די וואקס אבער קיינער האט נישט געהאט.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל טרעפן, און אינמיטן זאגט ער 'אפשר קען מען פרעגן פון ... אויב זיי האבן'. ברוך ה' זיי האבן געהאט אביסל פון דעם. אויף מארגן האט ער נאכאמאל געזוכט, אבער קיינער האט נישט געהאט. מיר האבן נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן, און טאקע די קומענדיגע געשעפט וואס ער איז אריין האט פארקויפט די סארט וואקס.

ש. ח. שכעסל
ירושלים

איך בין געגאנגען שווימען אין א צענטראלע שווים באסיין אין שטאט, ביים אהיימגיין האב איך באמערקט אז איך האב נישט מיין קראקס, איך האב עס דארט פארגעסן. די קראקס איז טייערע קראקס, צוריקגיין איז נישט גרינג ווייל עס איז די אנדערע עק שטאט, און אויך האט עס געוויסע צייטן וואס עס איז אפען פאר פרויען. וואס טוט מען דא?

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל יא קענען צוריק באקומען די קראקס, אדער קענען האבן נייע. למעשה האב איך מיר דערמאנט אז עס האט אויך שעות פאר מענער, איך האב גערופן מיין ברודער אויב ער איז אפשר אין יענע געגענט און ער קען אריבער גיין עס נעמען, האט ער מיר געזאגט אז יא ער איז אין די געגענט און ער קען מיר טון די טובה, ער איז אהין געגאנגען עס נעמען און עס איז ברוך השם געווען דעמאלט אפען פאר מענער.



845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

בעט דעם באשעפער
וועט ער דיר העלפן

מ. פאפנהיים

# ביסט נארמאל?

## גייסט פריין אין מדבר?

דער פרימארגן האט לאנגזאם אויפגעשיינט, און די זון איז ארויסגעקומען אין איר פולן פראכט, ווארפנדיג אירע ליבליכע שטראלן איבער די מחנה פון בני יהודה. די ווארעמע זון שטראלן האט זיך געשפיגלט אינעם טוי וואס איז געלעגן אויסגעשפרייט איבערן גאנצן מחנה און עס לאנגזאם צולאזט, אנטפלעקנדיג די הימלישע ברויט וואס דער אייבערשטער האט צוגעשיקט פאר יעדן איד.

יסכה האט זיך ארומגעדרייט אין געצעלט און געדאנקט דעם באשעפער וואס האט איר דערהאלטן און געמאכט דערלעבן די צייטן. זי איז צוגעגאנגען צום ווינקל ווי אירע עלטסטע קינדער זענען געשלאפן און זיי אנגעהויבן צו דערוועקן, שמעון... יוסף... חזק... אליעזר... שמעון האט געעפנט זיינע אויגן, און חזק האט זיך לאנגזאם אויסגעצויגן זיינע ביינער און אנגעהויבן זאגן אויפן קול, מודה אני לפניך... פון זיין זיסן קול האבן יוסף און אליעזר זיך אויפגעוועקט און זיך מיט געכאפט מיט אים, אלע אין איין כאר, מודה אני לפניך מלך חי וקיים... יסכה האט זיי צוגערוקט די וואסער וואס זיי האבן זיך אנגעגרייט ביינאכט און די קינדער האבן זיך אפגעגאסן די הענט



איינער נאכן צווייטן, "יאגט זיך צו קינדערלעך, האט זי זיי געבעטן, די קליינע קינדער שטייען באלד אויף, און אין שטוב איז גארנישט דא וואס צו נעמען אין מויל". "זיכער מאמי! אונז גייען שוין!"

יוסף האט גענומען זיינע קליידער און אנגעהויבן זיך אנטון. "אוי! ווייזט אים אליעזר, האסט אנגעטון קודם די לינקע"... יוסף כאפט זיך ביים קאפ. "אוי! כ'האב פארגעסן! יעדן טאג לערנט מען נייע הלכות!" "ס'איז באמת זייער שווער צו געדענקען אזויפיל נייע זאכן," — האט שמעון אים מיטגעפילט. "אפשר קענען אונז נאכן לערנען זיך אוועקזעצן איבער'חזר'ן אלע צוזאמען וואס אונז האבן געלערנט די לעצטע וואך?" "א גוטע פלאן!" האבן די אנדערע צוגעשטימט. זיי האבן גענומען די גרויסע סלויען וואס עס גייט אריין אין דעם א עומר און געגריסט זייער מאמע, "א גוטן טאג! אונז גייען ארויס קלייבן די מן!"

אין די מינוט האט זיך די קליינע אסתר דערוועקט מיט א געוויין. יסכה האט איר אויפגעהויבן מיט ליבשאפט און אפגעגאסן די הענט. אסתר'ל וויינט, "ווילסט טרינקען שעפעלע?" די קליינע טרינקט מיט א קענטיגע דארשט אבער עס בארוהיגט איר נישט. "זעט אויס אז דו ביזט הונגעריג... אבער דו ווערסט מוזןווארטן מיט געדולד, דיינע ברידער זענען ארויסגעגאנגען ברענגען די עסן און אין שטוב איז דאך גארנישט געבליבן פון נעכטן."

אסתר'ל וויינט ווייטער, יסכה ווערט שוין אביסל פארלוירן. "אפשר... אפשר היינט איז נישטא קיין עסן??? וואס וועט זיין? אונז זענען דא אליין אין מדבר, צו וועלן אונז יעצט אויסגיין פון הונגער???" אסתר וויינט שוין שטערקער דערוועקנדיג אלע קינדער. יסכה כאפט זיך ביים קאפ, וואס איז מיט דיר? דער באשעפער האט אונז זיכער נישט פארלאזט, דער גרויסער אלמעכטיגער גאט וואס האט אונז געראטעוועט פון די גרויזאמע מצריים, וועט אונז זיכער געבן אלעס ווייטער, אלעס וואס אונז דארפן.

די קינדער זענען ענדליך דא צוריק מיט פולע סלויען, פון גרויס ביז קליין זעצן זיי זיך אויס ארום דעם טיש, און די קלינגעדיגע ברכות המוציא לחם מן השמים קלינגט אפ אין געצעלט. די אינגלעך הייבן אן צו שמועסן פון די שאלה וואס האט זיך נעכטן ערוועקט ביים לערנען. "דער רבי האט נישט געוואוסט די תשובה — דערציילן זיי זייער מאמא — ער איז עס געגאנגען פרעגן נאכן לערנען פאר זיין רבי, וואס איז געשטעלט איבער טויזנט אידן (שרי האלפים), אויב ער וועט אויך נישט וויסן וועט עס מעגליך דארפן אנקומען צו משה רבינו אליין." זיי עסן מיט אפעטיט ווען יעדער פילט וואס ער וויל נאר אין די הימלישע מן. נאכן דאנקען דעם גרויסן באשעפער אויף די וואונדערליכע עסן, לויפן די גרויסע אינגלעך צו זייער רבי'ן. יסכה גייט ארויס מיט די קליינע קינדער נעבן זייערע פילע סטאדעס פון שאף און ציגן. די קינדער שפילן לוסטיג מיט די זיסע שעפעלעך ווען זיי געבן זיי צו טרינקען פונעם וואונדערליכן קוואל וואס וואס פליסט פונעם שטיין, אין זכות פון מרים הנביאה.



יסכה באטראכט זיי מיט פארגעניגן פארפלייענדיג אין אירע געדאנקען. "אזא שאד אז מיינע ברידער און שוועסטער האבן עס נישט דערלעבט, טראכט זי צו זיך. יא, אונז זענען געווען פון די פארגלייבטע מענטשן וואס ווילן גיין אין מדבר. אין די ביטערע יארן אין מצרים זענען אונז קודם געווען פון די נארמאלע מענטשן פונקט ווי יעדן.

מיינע עלטסטע קינדער זענען נאך געבוירן אין מצרים, צוויי זענען גלייך טראגיש אומגעקומען, אבער די אנדערע פיר זענען דא מיט מיר געזונט און פריש. זיי זענען געווען איין יעריגע קינדער ווען די משפחה ארום אונז האט זיך דערוואוסט אז אונז פלאנען מיטצוגיין מיט משה רבינו אין מדבר דינעם דעם איינציגן גאט. אוי ווי מיין שוועגער האט געוויינט, נישט גענוג צוויי פון די זעקסלינג לעבן שוין נישט, ווילן אייך נאך גיין אין מדבר מיט פיר פיצלעך קינדער??? יעדן טאג איז א אנדער שוועגערן אדער שוועסטער געקומען איבעררעדן

אונז זאלן נאר נישט טון די נארישע אומבארעכנטע וועג. איין מאל האב איך געפרעגט רבקה, די נארמאלסטע פון אלעמען, "ענק זעען נישט די מכות וואס אונזער אלמעכטיגער באשעפער שיקט פאר די מצריים איינס נאכן צווייטן? דו גלייבסט נישט אז דער גרויסער באשעפער וועט אונז אויך קענען שפייזן אין מדבר???" רבקה האט עס גלייך אוועקגעמאכט. "עה! ס'איז פראסטע כישוף! וועגן בלוט און פרעש זאל איך אפלאזן מיין הויז מיין שטאט וואו איך בין געבוירן, און גיין אין א אומבאוואוסטע אומבאקאנטע מדבר???"

איך האב דעמאלט מער נישט פראבירט צו אריינגיין אין וויכוחים, נאר געבעטן דעם איינציגן באשעפער זאל זיי אויפלייכטן די אויגן. א חלק האבן טאקע מיט די צייט זיך מיטגעכאפט מיט די ביסל ערליכע אידן, און די אנדערע זענען נעבעך געבליבן אין מצרים... יעצט לעבן אונז באשיצט מיט וואלקענעס ארום און ארום, וואסער קומט פון א שטיין, ברויט פון הימל. די קליידער ווערן קיינמאל אפגענוצט און וואקסן מיט, מיט די קינדער. די קינדער אליין? יענע פיצלעך וואס די גאנצע משפחה איז זיכער געווען אז זיי וועלן אויסגיין אין מדבר, זענען געוואקסן געזונט און שטארק ווען זיי לערנען יעדן טאג די זיסע תורה וואס דער אייבערשטער האט אונז געשאנקען דווקא אין מדבר.



די אנדערע קינדער זענען שוין געבוירן מיט א גאלדענעם לעפל אין מויל. זיי זענען צוגעוואוינט צו די וואלקענעס וואס באשיצן פון שונאים און ווילדע חיות, און צו די וואונדערליכע מן און די ריינע וואסער. און מיט דעם אלעם, יעדע נאכט, ווען מען ענדיגט עסן די לעצטע פארבליבענע מן, דארף מען זיך נאכאמאל און נאכאמאל חזר'ן, דער אייבערשטער גייט אונז נישט פארלאזן, און גייט אונז אויף מארגן שיקן ווייטער עסן.

אט די הייליגע דערהויבענע אידן וואס האבן זיך געקלאמערט אין משה רבינו און זענען גרייט געווען צו ארויסגיין אין א

**די אנדערע קינדער זענען שוין געבוירן מיט א גאלדענעם לעפל אין מויל. זיי זענען צוגעוואוינט צו די וואלקענעס וואס באשיצן פון שונאים און ווילדע חיות, און צו די וואונדערליכע מן און די ריינע וואסער.**

אומבאוואוסטע וועג, צו דינען צום אייבערשטן, זיי זענען אריבער א קריעת ים סוף, און זוכה געווען צו באקומען די הייליגע תורה פונעם אייבערשטן אליין, מיטן צוזען מיט די

**טאטע זיסער! אזוי ווי אונז זענען ארומגענומען סוכות פון אלע זייטן, העלף אז מיר זאלן זיך א גאנץ יאר פילן אזוי באשיצט אונטער דיינע ווארעמע פליגלען! מיר זאלן א גאנץ יאר געדענקען אז דו פירסט און טוסט אלעס,**

אייגענע אויגן אזעלכע ריזיגע ניסים.

ווען עס איז געקומען דער נסיון פון די מרגלים, איז דער גאנצער פאלק אזוי פארלוירן געווארן און מיט געוויינט א אומזיסטע געוויין, וועגן דעם האבן זיי געדארפט זיך דרייען אין מדבר פערציג יאר. אזוי איז דער קומענדיגער דור אויפגעוואקסן מיט א ריינע לויטערע אמונה. יעדן טאג פונדאסניי, זיך פארלאזן אויפן באשעפער אז דער אייבערשטער גייט אונז נאכאמאל שיקן עסן און אלעס וואס מען דארף. נאכגיין דעם אייבערשטן ווען דער וואלקן האט זיך אויפגעהויבן, און רוען ווען דער וואלקן לאזט זיך אראפ. אזוי זענען די אידן אריבער מ"ב מסעות.

אין יעדן ארט האט זיי אפגעווארט די אייגנארטיגע נסיון פון דעם פלאץ, און נאכן אלעס אריבערגיין זענען די אויסדערוועלטע אידן געווען גרייט אריינצוגיין אין ארץ ישראל.

צו געדענקען די ענני הכבוד בויען אונז א סוכה'לע יעדן יאר. איינמאל א יאר אויף זיבן טעג געבט מען אונז צו פילן דעם וואונדערליכן טעם פון די הימלישע וואלקענעס וועלכע האבן באשיצט און פארשטארקט די אמונה ביי אידישע קינדער, די סוכה אליין ווערט געבויעט שוואך אויף א פראוועזארישן אופן, אפילו די שטערקסטע סוכה, כדי עס זאל זיין כשר דארף עס ווערן באדעקט אזוי, אז עס קען נישט באשיצן פון רעגנ'ס, ווינטן, אדער די הייסע זון שטראלן, אונז צו דערמאנען ווער עס באשיצט אונז באמת, אלעמאל, א גאנץ יאר.

טאטע זיסער! אזוי ווי אונז זענען ארומגענומען סוכות פון אלע זייטן, העלף אז מיר זאלן זיך א גאנץ יאר פילן אזוי באשיצט אונטער דיינע ווארעמע פליגלען! מיר זאלן א גאנץ יאר געדענקען אז דו פירסט און טוסט אלעס, און וואס מיר דארפן נאר קענען מיר בעטן פון דיר טאטע, העלף מיר זאלן בקרוב זוכה זיין צו זיצן אין דיין הייליגע סוכה'לע!



ל. שיינער

# וואו בין איך?

## שמחת תורה

צוזאמען מיט מיין גוטע שכנ׳טע בין איך געגאנגען אריינכאפן א שווים אין די לעצטע טעג פאר די ווארימע וועטערס מיט די גלעטנדע זון ווערט פארשוואונדן. די קילע אלול ווינטעלע שפירט זיך שוין דא און דארט, אבער וואס טוט נישט א אידישע מאמע זיך צו האלטן פרייליך און אויפגעלייגט?

יעדע מאל וואס איך שווים אהין און צוריק דורך די לענג פון די שווים באסיין בעט איך דעם אייבערשטן עפעס אנדערש לויט די א-ב, אזוי ווערט די גאנצע פלאץ פון די שווים באסיין א גן עדן פאר מיר.

באשעפער העלף איך זאל קענען אנקומען צו אלע ימים טובים רואיג. באשעפער העלף איך זאל האבן א גוט פלאץ וואו צו גיין ווען מיין מאן פארט קיין אומאן. און אזוי ווייטער בין איך זיך מחי׳.







ווען איך האלט שוין ביי די אות ת׳ קען איך זיך שוין אביסל אפרוען ביי די ווייסע פלעסטיק בענקלעך וואס ליגן ארום. האב איך זיך פונקט באקוועם געמאכט נעבן א גרופע מיטליעריגע פרויען וואס זיי זענען שוין אביסל ווי איינוואוינער ביי די שווים באסיין, אזוי ווי זיי האבן שוין חתונה געמאכט רוב אדער אלע קינדער, קענען זיי זיך ערלויבן צו קומען יעדן טאג, זיי פארברענגען מיט שיחות חבר׳טעס.

דערציילט מרת גליק מיט אזא מין גלאנץ אין די אויגן ווי שטארק זי קוקט שוין ארויס אויף די קומענדיגע ימים טובים, עס איז איר צייט וואס זי דערהייבט זיך מיט די אלע קאכן און צוגרייטן די פולע סעודות, און בשעת מעשה לייגט זי אריין תפילות וואס זי וויל בעטן פאר די משפחה. זי לייגט אראפ מיט זאפט ווי זי גיבט זיך אן עצה צו צושטעלן איר יערליכע רעסעפיס און גרויסע קוואנטומען צו אויפנעמען די חתונה געהאטע קינדער און אייניקלעך, ווי זי וועט שעפן נחת פאר די גאנצע יאר.

פון אזויפיל יאר ערפארונג ווייסט שוין מרת גליק פונקטליך וועלכע מנהגים איר מאן וועט הנאה האבן אז זי קען עס צושטעלן, למשל אויף שמחת תורה מאכט זי פאר די זופ ׳גאלדענע רענדלעך׳, זי מאכט עס פון א אויסגעוועלגערטע טייג, זי צושניידט עס אויף שטיקלעך און פרעגלט עס. ס׳איז ביי איר אן אנגענומענע מנהג נאך פון איר מאנ׳ס עלטערן און ס׳איז א סגולה פאר עשירות.

אויך קען זי נישט אויסלאזן די געשמאקע ׳קינדל׳ וואס יעדער צוכאפט. עס איז איר אזא הנאה צו אנפילן די פריזער. אויך אויף סוכות גרייט זי צו פיינע מטעמים פאר יעדע אושפיזין. די מענער פארברענגען אין די סוכה מיט הערליכע זינגען און שמועסן, און זי איז פארנומען אין קאך, ווען זי בעט די זיסע אייניקלעך זאלן איר העלפן סערווירן, דאס איז איז תענוג און עונג יום טוב. זי בעט דעם אייבערשטן אויף אסאך כח און דער אייבערשטער העלפט איר. ביי יעדע סעודה באזונדער זעט זי נאכאמאל ווי דער אייבערשטער גיבט איר מוט און כח.

***

זיצט מרת וויינער קעגן איבער און הערט זיך צו מיט אביסל א פארקרומטע פארשלאסענע פנים, עס זעט בכלל נישט אויס ווי זי ווערט איבערגענומען פון מרת גליק׳ס פאזעטיווע ענערגיע. איר רעאקציע קומט ארויס מיט אלטע און נייע ווייטאגן וואס שאפט זיך ביי איר יעדעס יאר ווען עס קומט חודש תשרי.

קודם ווייסט זי בכלל נישט וואס ראש השנה און יום כיפור האט מיט איר איינגעלייגט. די מענער דאווענען א גאנצן טאג און מען קוקט בכלל נישט אויף איר זייט. נאכדעם קומט סוכות ארבעט זי שווער צו אנגרייטן און סערווירן פאר איר מאן איין סעודה נאכן צווייטן (לויט איר זויערע באנעמונג קען איך זיך שוין אויס׳משל׳ן די סיטואציע פארוואס עס ציט נישט פאר די אייניקלעך צו קומען). ״אפילו חול המועד טרעטן זיי קוים אריין״ רעדט זיך מרת וויינער אפ.

מרת גליק פרובירט מיט איר ווייכע שמייכל צו אויפלעבן מרת וויינער און איר ערקלערן אז ראש השנה איז א צייט וואס איר מאן דאווענט און בעט אויס א גוטע יאר פאר איר ״דו וואלסט נישט געוואלט ער זאל זיצן אינדערהיים, עס לוינט זיך אלעס צו צושטעלן פאר די מענער אבי זיי זאלן קענען מתפלל זיין מער און חס ושלום נישט פארפאטשקענען די הייליגע טייערע צייט״.

פרובירט ווייטער מרת גליק: ״אויך די אנדערע ימים טובים איז אזא זכי׳ צו קענען צושטעלן, דאס איז דיין חלק וואס דו קענסט געבן פון זיך אין אזעלכע הייליגע טעג, און ווערט רעדט נאך פון שמחת תורה״.

״וואס שמחת תורה?״ קען מרת וויינער זיך נישט איינהאלטן פון אריינהאקן, שמחת תורה איז נאך די שווערסטע חלק, איך שפיר אזוי שלעכט און אפגעפאטשט אז איך גרייט אפילו נישט אן קיין סעודות צו עסן. די מענער קומען אהיים אזוי שפעט און אויסגעמוטשעט נאכן זיך אויסטאנצן און אויסשוויצן, קוים וואס מיין מאן קען כאפן די אטעם און באלד לויפט ער שוין ווייטער דאווענען און טאנצן, פאר וועם זאל איך אנגרייטן??? צובייזערט זיך מרת וויינער, אויפברענגענדיג א פלייץ פון נעגעטיווע געפילן.



די קאנטראסט פון מרת גליק׳ס בליק ווערט נאר שטערקער ווען געפילן פון שמחה צושפרייטן זיך אין אירע אדערן, און איר מויל ווערט שוין וואסעריג ווען זי ברענגט נאך אויף זכרונות פון פריערדיגע יארן שמחת תורה, ווי זי ארבעט, שוויצט און לויפט פון ארויפלייגן די עסן אויפן בלעך פאר די סעודה און ווייטער לויפן אין שול צו הקפות ווי מ׳וועט טרעפן עפעס א לעכל אראפצוקוקן פון די ווייבער שול, ווען עס הייבט אן פליסן טרערן פון אירע אויגן פון גרויס התרגשות. זי קוקט זיך צו ווי דער רבי טאנצט און אלע חסידים דערהייבן זיך. און יא! עס שפירט זיך ווי אלע צוגרייטונגען צום יום טוב האט זיך אויסגעצאלט. "איך טו פארן אייבערשטן וויפיל איך קען און דער אייבערשטער נעמט אונז ארום מיט אזא ליבשאפט וואס עס וויל זיך נישט געזעגענען".

אויב מרת גליק מיינט שוין אז איר שמחה פליסט שוין אריבער די ברעגעס צו מרת וויינער, ענטפערט מרת וויינער "ניין איך גיי בכלל נישט אין שול, אפילו נישט ביי די הקפות, עס איז מיר צו שווער, איך דארף זיך אפרוען, און איך האב נישט קיין נערוון צו זיין פארנומען צו קומען און גיין, לויפן און זיך יאגן, וויפיל כח האט א מענטש?"

דא האבן זיך די ארומיגע שוין נישט געקענט איינהאלטן און זיך אונטערגעלאכט פון א פרוי וואס לאזט זיך נישט ווערן פריילך.

***

פאר מיר האט עס געגעבן עסן פאר מיין מח צו טראכטן. קוק ווי צוויי פרויען האבן שוין געהאט אסאך יארן צו אויפנעמען די הייליגע טעג אין אלע סארט מצבים - צומישטע, פריילעכע, פארנומענע, און אויך גאר גאר פארנומענע. וויאזוי עס צו אננעמען איז דיין אויסוואל - דו קענסט זיך עס אליין אויסקלויבן!!

איך קען טאקע נישט קאכן און צוגרייטן ווי מרת גליק, איך קען זיך קוים אן עצה געבן. איין מאל האלט איך פאר א קינד, און איין מאל נאך א קינד, אבער אינצווישן וואס איך קען יא בין איך זיך מחי׳.

שכח אייבערשטער איך האב געקענט מאכן רינדעכיגע חלות פאר די סעודה! און אז איך האב שוין אויך געקענט אויסרעכענען וויפיל פיש צו קויפן און אפילו עס אפקאכן איז עס מורא׳דיג! מיט יעדע זאך קען איך אויסוועלן צו זיין פארנומען און פריילך אדער פארנומען און צובראכן.

עס איז א צייט וואס דער יצר הרע וועט נאר פרובירן צו שטערן מיט עפעס. אבער פון די אנדערע זייט מאכט דער אייבערשטער מיר זאלן זיין אזוי פארנומען, אלעס כדי מיר זאלן נישט האבן קיין צייט צו קוקן צו דעם יצר הרע׳ס זייט.

דעמאלט ווען די שמחה גרייכט שוין איר העכסטע שטאפל, מען האלט שוין ביי די שפיץ-שמחת תורה! קומט אריין א פלייץ פון בילבולים, אבער ס׳איז אלעס פאר אונזער נסיון - צו פארגעסן די עיקר שמחה. ווערט מען פארנומען מ׳דארף יא פארן אין וויליאמסבורג שמחת תורה אדער מ׳דארף בלייבן אין שטעטל?

איך קען זיין ווי מרת וויינער אז מיין מאן וויל פארן קען איך קרעכצן אז ס׳איז אזוי שווער זיך צו פאקן מיט די גאנצע משפחה, שלעפן עסן, און זיך אריינשטופן אין עפעס א דירה׳לע. און אז מיין מאן וויל נישט פארן קען איך קרעכצן אז ׳יעדער׳ זאגט אז מ׳דארף גיין.

אדער קען איך אויסקלויבן צו זיין ווי מרת גליק וואס איך נעם די מתנות פון יום טוב און איך בין זיך מחי׳. עס איז מיין אויסוואל - מיין בחירה, וואס וויל איך אויסקלויבן???





# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

mint COLLISION

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי' לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com



# סוכות מ'ין רבינ'ס עצות

ל. לב

**ושאבתם מים בששון ממעייני הישועה...**

איך וועק מיך אויף, מודה אני לפ־ניך... אהה וואס איז די מוזיק אינ־מיטן מיין שלאף? אה, מן הסתם האט דאס מיין מאמע אנגעצינדן כדי אלע קינדער זאלן אויפש־טיין, אזא קלוגע מאמע, אבער עס ציט מיר אזוי שטארק צו בלייבן שלאפן, און אלע מיינע אברים זענע אויסגעמוטשעט. "הייליגער באשעפער געב מיר היינט אסאך כח צו העלפן מיין מאמע אנגרייטן דעם יום טוב, העלף מיר איך זאל זיין רוהיג און צופרידן, און טון אלע ארבעט פרייליכערהייט, נישט קיין חילוק וואס זאל נאר זיין".

איך טראכט וואס איך דארף היינט אניאגן לכבוד יום טוב, איך דארף נאך קויפן א קלייד, אבער עס מיינט נישט אז איך דארף זיך אויסשטאפירן ווי עפעס א מלכה, און גיין לכבוד דעם א גאנצן טאג שאפינג, מען קען קויפן א פשוטע קלייד, און אויך קען מען קויפן נאך יום טוב אויב עס איז נישט דא קיין צייט צו קויפן פאר יום טוב. "הייליגער באשעפער העלף איך זאל טרעפן שנעל און גרינג א בי־ליגע שיינע קלייד".

דער ראש ישיבה שליט"א גרא־דט מיר אויס די קאפ צו וויסן אויף וואס צו פאקעסון, יעצט אין די טעג ווען מיין מאמע דארף מיין הילף איז דאס די ערשטע זאך אויף מיין ליסט.

איך קען טוישן די גאנצע מאד פון די הויז, אפילו עס איז אנגע־צויגן פון די פילע ארבעט פאר יום טוב, מען דארף בויען די סוכה. אהערשטעלן די נוי סוכה, קאכן די

עסן און אזוי ווייטער, אויך אינזין צו האבן יעדער זאל עפעס עסן ווייל מען קען דאך נישט הונגערן ביז יום טוב קומט צו גיין. און איך מיט אביסל שכל און תפילה קומט און העלפט ארויס מיט א זיס קליין שמייכל, און א רוהיגקייט. אפילו אינעווייניג קאכט אין מיר, אלעס גיסט זיך און צוברעכט זיך, קען גאר זיין אז מען שרייט אויף מיר "גיי פון דא, קיינער דארף דיר נישט, וואס שטערסטו", און איך דארף שטארק בייסן די ליפן, און זיך נישט באלייייייידייייגן. איך חלש אזוי שטארק שוין צו טרעפן מיין שידוך, און דא איז מיר אביסל שווער איך דארף קומען און גיין און טון, אבער יא אויף דעם האט מיר דער ראש ישיבה פון פאראויס אנגעגרייט אויב דו ווילסט וויסן צו דו ביסט גרייט חתונה צו האבן קוק ווי אזוי דו פירסט זיך אויף צו דיינע עלטערן - איך שטארק זיך מיט די גאנצע כח, און העלף ווייטער ווייל באמת האט מען נישט געמיינט מיר פערזענליך.

מלכי.... איך געב זיך א שאקל, ווי טיף קען די מחשבות גיין עס האט ממש אויסגעזען ווי די סצענע איז יעצט געשען - יא מאמי. מאך זיך גרייט איך וויל זאלסט אנטון די קינדער און מיר העלפן דא. אם ירצה השם מיטאג צייט וועסטו קויפן דיין קלייד און אויפן וועג גיין איינקויפן פאר מיר ביי אפאר סטאר'ס!

די גאסן רוישן די ווענט זענען אנגעקלעבט מיט קאלירטע גרויסע צעטלען, יעדער אדווערטייזט עפעס אנדערש, א קאר פארט ארום מיט א ספיקער אז אין קארלינער זאל וועט פארקומען א ביליגע אויספארקויף פון ד' מינים לזכות ר' ישעי'לע קערעסטירער. פון אלע פארטשעס אזוי שיין פארבויעט די סוכות, אינטרעסאנט צו זען ווי יעדע צווייטע געשעפט איז פארדינגען פאר לולבים, הדסים אדער אתרוגים. דא פארקויפט מען קיינעס מיט ברעטער, און אביסל ווייטער די העלצער מיט טשוועקעס און בויער'ס. א גאס אראפ פון מאה שערים איז א א ריזיגע מארק פון ד' מינים און נאך. אויפן וועג שרייען אויס קליינע קינדער: קוישיקלאך קוישיקלאך, ווער וויל קוישיקלאך. מען הערט ארויס פון די הייזער פיינע מוזיק, ושם נעלה נעלה ונראה.

איך פארקוק זיך אין דער זייט פונעם מארק דארט פארקויפט מען שיינע לעמפעלעך מיט נוי סוכה, שבעת המינים און פסול'ע אתרוגים פאר פרוטות. איך זע איינער שרייט אויס עפעס ער פירט א צוויי רעדערדיגע וועגל מיט א באקס און מיט א הויכע שטימע און לשון הקודש'דיגע בהברה שרייט ער אויס עֲרָבוֹת עֲרָבוֹת עס הערט זיך אויס ממש ווי ער שרייט, הרב רוטה, הרב רוטה.... איך שמייכל זיך אונטער, און איך ערלעדיג אלעס אין די סטאר'ס וואס איך דארף, שכח אייבערשטער.

ענדליך זיצט מען שוין אין סוכה. רבי נתן האט געזאגט אז דאס זיצן אין סוכה איז גאר אנדערש ווען מען בעט דעם אייבערשטן פאר דעם צו שפירן א טעם אין די סוכה. ס'איז ממש א מחי' שכח אייבערשטער איך בין דא נישט געקומען ווי א גאסט, נאר איך האב געקענט העלפן אלעס צוגרייטן.

יום טוב איז געפארן א מחי', און מיר האלטן דא חול המועד. ביי אונזער פאמיליע גייט מען אין ערגעץ נישט חול המועד האלטן, ווער עס וויל גייט ביינאכט צו א שמחת בית השואבה.

ושאבתם מים בששון. חול המועד סוכות פאלט אויס די יארצייט פון הייליגן רבין, דער נחל נובע מקור חכמה. איך שעפ פון דעם קוואל מיין חול המועד האלטן.

אין יעדע חסידות ביי שמחת בית השואבה דארף מען האבן א קארטל אריינצוגיין, און איך האב נישט אזא קארטל, במילא גייט מען סתם אזוי זיך ארום דרייען אין די גאסן און מען קומט אהיים שפעט אן גארנישט. איך האב געזען אין א שיינע בריוו וואס דער ראש ישיבה שרייבט פאר א מיידל, אז אלע פראבלעמען קומט פון זיך דרייען אין די גאסן און שפאצירן סתם אזוי. האב איך אפגעמאכט אז איך זעץ זיך אריין אין די סוכה איך זינג זיך לידער שטילערהייט, איך צינד אן מוזיק און טאנץ. אויך שמועס איך מיטן אייבערשטן אין די סוכה. דער ראש ישיבה שרייבט אין דעם זעלבן בריוו אז מען קען גיין מיט א חבר'טע שפאצירן, דער עיקר זיך נישט דרייען סתם אן א ציל (זע עצתו אמונה, ב' ויצא תשפ"א). מיר נעמען זיך צאם שמועסן פון די שיינע עצות פון רבי'ן רעדן איידעלע דיבורים, זיך שטארקן אין הפצה און נאך. דערנאך זינגען מיר ווארימע ניגונים און שפעטער גייען מיר ארויס אין א טענצל, אשרינו מה טוב חלקינו שזכינו להתקרב לרבינו. עס איז אזוי פרייליך מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן.

אינדערפרי ביים שאקלען די לולב בעט איך דעם אייבערשטן, טאטע זיסער אויב מיין חתן איז אין צפון זייט בעט איך דיר ברענג מיר אים אהער, אויב ער איז אין מזרח זייט, ברענג אים דא צו מיר, איך וויל אזוי שטארק זיין ערליך איך וויל שוין חתונה האבן, עס איז מיר שווער צו זיין אליינס אין וועלכע זייט אין די וועלט ער געפינט זיך בעט איך דיר מיט רחמנות זאלסטו ליבער טאטע מיר ברענגען מיין באשערט שידוך.

**ושמחת בחגך והיית אך שמח.**

קרית ברסלב בלעטל

# קינדער אפטיילונג

יום טוב סוכות תשפ"ד

## טרעף די קאָלירן

טרעף צוויי מאל דאס ווארט "סוכות" פון די צעלבע קאליר

טרעף צוויי מאל דאס ווארט "סוכות" פון די צעלבע מין אותיות

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |
| סוכות | סוכות | סוכות | סוכות |

## טרעף די ווערטער

איך זיץ מיר
אין מיין
סוכה'לע, פון
ברעטעלעך
און סכך, ווי
עס שטייט
אין די תורה,
כל האזרח
בישראל
ישבו בסוכות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ט | ג | ע | ה | ח | ש | ר | י | ג | ט | ר | נ | ש | ה | ד | ג | מ | ר | ס | י | נ | צ | מ |
| ח | ר | ע | ע | פ | ז | ח | ה | ו | ב | ת | פ | נ | ד | ט | ת | נ | י | ב | ב | ה | צ | ט | כ |
| ו | ג | צ | ו | ש | נ | פ | ע | ר | ח | א | ס | ש | כ | ע | ז | ת | ו | ק | ת | ע | ת | ר | ר |
| ז | נ | א | י | ל | ת | צ | ע | ב | ה | ל | ז | ז | ו | ז | ש | ו | א | י | ה | ח | י | ה | ש |
| ז | צ | י | י | ב | ש | ט | י | י | ט | ת | ז | ג | ג | נ | ו | ח | ר | ה | ר | ת | י | י | נ |
| נ | צ | א | כ | מ | ע | א | ש | מ | ה | ל | ג | ד | נ | ע | ר | ט | ב | צ | ח | נ | י | ל | ב |
| ד | א | א | ב | ל | א | ה | י | ד | ת | ע | מ | כ | צ | ז | א | ט | ה | ז | ל | ה | ק | ח | פ |
| ה | צ | י | ע | ס | ח | ע | ב | ח | ט | ל | צ | ר | א | ש | ש | ו | ו | א | נ | מ | נ | ל | ג |
| ק | ט | כ | ד | ג | ל | ו | פ | ג | ו | ז | ת | ה | נ | ל | פ | ת | א | ז | ק | ה | ס | צ | כ |
| א | מ | ע | ו | ה | ל | ב | ה | ו | ש | ק | ה | נ | ה | ו | כ | ל | ו | נ | כ | נ | פ | צ | ט |
| א | י | נ | כ | ק | י | ע | ה | ק | א | ה | ח | ב | ו | ת | מ | מ | ש | ה | ע | ג | ג | ז | מ |
| ד | ר | ו | ז | י | צ | א | פ | פ | ל | פ | ג | מ | ח | ב | פ | ה | ע | י | צ | ג | ז | ז | ש |
| ק | ס | פ | ב | ב | ש | ס | נ | ס | פ | נ | ה | ה | ר | י | ב | ק | ש | ב | ט | ר | י | א | י |
| ו | נ | י | י | מ | ס | ב | כ | ס | פ | ו | ק | ש | ק | ש | ס | ה | ב | ח | ג | ט | מ | ח | א |
| פ | פ | ז | ג | נ | ק | ו | ו | ר | ט | ב | ד | צ | כ | ר | כ | ח | ק | כ | ב | ע | ר | ג | ח |
| ר | כ | ל | ל | ג | ס | ה | כ | ו | נ | א | ר | ר | ו | א | כ | ו | ס | נ | ק | ז | ת | ס | י |
| כ | כ | א | ל | נ | ס | פ | ת | ו | ר | ה | א | פ | ק | ל | י | מ | פ | ו | א | פ | ז | י | נ |
| צ | ל | ש | א | ק | צ | ר | א | י | ת | ח | מ | ע | ג | ע | ל | ס | ו | ה | י | נ | פ | צ | ס |
| ר | צ | ט | צ | ח | ג | ב | ה | מ | ס | א | ט | ב | ס | ד | ת | ע | נ | ק | א | נ | ת | ז | ע |
| נ | צ | י | פ | מ | י | כ | ב | מ | ט | ה | ב | ד | ס | ת | ט | ט | א | ח | צ | כ | ת | צ | ע |

# טרעף
## די וועג

טרעף די וועג אריין צו די הייליגע סוכה





# קינדער טאלאנטן



שלמה און נחמן יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



שמואלי פעקעטע נ"י
מאנסי



שמואלי בירנבוים נ"י
קרית ברסלב



אליעזר שלמה בירנבוים נ"י
קרית ברסלב



שמואלי בירנבוים נ"י
קרית ברסלב



פייגי און אסתי פינטער תחי'
קרית ברסלב

# מעשה פון תפילה
# פאר קינדער

רבקה אפעלדארפער תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:










חי׳ וועבערמאן תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:









# בילדער
## אפטיילונג




קרעדיט: לייבי ראטה

מעמד פדיון הבן ביי אן אייניקל פונעם ראש ישיבה שליט"א
הילד יחזקאל נ"י בן הרב נתנאל פארקאש שליט"א - ד' נצו"י


קרעדיט: שמעון פיש

דער דיין שליט"א ביים געבן א הכשר ביי די זעטקא פירמע
וואס שטעלט צו די עסן אויף די טשארטער פליגער


קרעדיט: לייבי ראטה

לחיים/ווארט/תנאים פון החתן נפתלי הערש פארקאש נ"י עב"ג
מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו מיטוואך נצבים וילך



תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק ביים ציון פון הייליגן
חזון איש זי"ע לכבוד די הייליגע טעג



די מנהל מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו רעדט צו די קינדער
אין תלמוד תורה היכל הקודש בני ברק


קרעדיט: אייזיק ראטה

א' סליחות אין ישיבה


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש


קרעדיט: איציק מענדלאוויטש

א׳ סליחות אין היכל הקודש בני ברק


קרעדיט: שמעי׳ וואקס

א׳ סליחות אין היכל הקודש טברי׳



א׳ סליחות אין היכל הקודש לעיקוואד



א׳ סליחות אין שטעטל



א נייע סיין בייס בית המדרש היכל הקודש לעיקוואד


קרעדיט: נפתלי זאבעל


קרעדיט: נפתלי זאבעל

א׳ סליחות אין היכל הקודש קרית יואל אויף העיס קארט

# בילדער פון אומאן ראש השנה תשפ״ד


קרעדיט: נפתלי זאבעל

אויפן וועג צום עירפארט


קרעדיט: נפתלי זאבעל

אין עירפארט


קרעדיט: נפתלי זאבעל

אנשי שלומינו אין עירפארט פארן ארויפגיין אויפן פליגער מאנטאג נאכט


קרעדיט: נפתלי זאבעל

אויפן טשארטער


קרעדיט: נפתלי זאבעל

נאכטמאל אין ליזענסק


קרעדיט: נפתלי זאבעל

אנשי שלומינו ביים ציון פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי״ע


קרעדיט: נפתלי זאבעל

שחרית אויפן באן


קרעדיט: נפתלי זאבעל

ביים לערנען אויפן באן



קרעדיט: נפתלי זאבעל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

**דף גמרא שיעור אין היכל הקודש אומאן**



קרעדיט: נפתלי זאבעל



קרעדיט: נפתלי זאבעל

**חדר אין היכל הקודש אומאן**



קרעדיט: נפתלי זאבעל

**די קינדער גייען צום ציון פון הייליגן רבי'ן**



קרעדיט: יעקב פיש

**די קינדער ביים ציון פון הייליגן רבי'ן**



קרעדיט: נפתלי זאבעל

**אנשי שלומינו גייען צום ציון מיטן שאטל, צוגעשטעלט דורך די רענט קאמפיין**



קרעדיט: שמעי' וואקס

**סליחות ליל זכור ברית**

## הנחת אבן הפינה פון "דעם רבינ'ס שול" אין אומאן דאנערשטאג ערב ראש השנה



קרעדיט: נפתלי זאבעל

די עשרה ראשונים













קרעדיט: נפתלי זאבעל

מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו יושב ראש פונעם מעמד



קרעדיט: נפתלי זאבעל

מו"ה יואל הכהן ראזענבערג הי"ו ביי זיין דרשה



קרעדיט: שמעי' וואקס

דער ראש ישיבה שליט"א איז משמיע דברות קודש



קרעדיט: נפתלי זאבעל

די קינדער ביים מעמד



קרעדיט: שמעי' וואקס



קרעדיט: נפתלי זאבעל

ביים גיסן דעם אבן הפינה

די עשרה ראשונים
















פדיון נפש ערב ראש השנה





















דף שיעור ערב ראש השנה









אנשי שלומינו מאכן זייערע סיומים ברבים נאכן דף שיעור ערב ראש השנה



קרעדיט: אברהם פריעדריך



קרעדיט: אברהם פריעדריך

**פרייליכע ריקודין מוצאי ראש השנה**



קרעדיט: אברהם פריעדריך



קרעדיט: משה עקשטיין

**מען געזעגענט זיך מיט'ן ראש ישיבה מוצאי ראש השנה**



קרעדיט: אברהם פריעדריך



קרעדיט: אברהם פריעדריך

**מען ארבעט שווער אהערצושטעלן קונטרס עצתו אמונה**



קרעדיט: אברהם פריעדריך





קרעדיט: אברהם פריעדריך

**אנשי שלומינו לערנען אויפן וועג**



קרעדיט: נפתלי זאבעל

אנשי שלומינו ביים זיך כאפן דאס הארץ אינמיטן וועג צום פולישן גרעניץ



קרעדיט: נפתלי זאבעל

שחרית פארן דורכגיין די גרעניץ



קרעדיט: נפתלי זאבעל

ביים ווארטן פארן פולישן גרעניץ



קרעדיט: נפתלי זאבעל

אין א טאנץ ביים ווארטן ביים גרעניץ



קרעדיט: שלמה גוטוויין

דער ראש ישיבה שליט"א נאכן אדורכגיין די גרעניץ



קרעדיט: יואל הכהן

אנשי שלומינו ווארטן ביים גרעניץ



קרעדיט: יואל הכהן



קרעדיט: יואל הכהן

אויף די באסעס אהיים פון אומאן

# ואנוהו

## די גרעסטע נוי סוכה סענטער אין די קעטסקילס

קומט אריבער צו אונזער רידיגע נוי סוכה שאטער צו באצירן אייער סוכה.

מיר שטייען גרייט אייך צו באדינען מיט אלע סארטן נוי סוכה פאוסטערס, הענגנדיגע נוי סוכה, טרויבן לייטס, גרויסע בענערס און אלע צוגעהערן.




קרית ברסלב
ספרים
& judaica

**אפען טעגליך** - 9:00 צופרי ביז 12:00 ביינאכט
**פרייטאג** - 9:00 צופרי ביז א האלבע שעה פארן זמן
**מוצאי שבת** - א האלבע שעה נאכן זמן -ביז 1:00

**347.578.4449**

**51 Twin Bridge Rd. Liberty N.Y. 12754 left side entrance**